STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10656

# TOG ANTKEGN

Samuel Nissan Godiner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. גאָדינער

# טאָג אַנטקעגן

פאַרלאַג „קולטור־ליגע"
מאָסקווע 1924

Типография „Дер Эмес“, Москва, Кузнецкий мост 14.

Главлит 16082. Тираж 2000 экз.

„...אונזערע פאנען זיינען רויט,
אין אונזער בלוט זיינען זי אויסגעווייקט".

# װעלט־בראָך

רעגעם

1.

צו נאַכט צו ווערט דאָרט צייטנווייס שטילער.

טרעפט זיך, ס'קומט אָן א לאנגער, הייסער זומער טאָג. איז באַגינען נאָך, ווען עס גרויט קוים-קוים דער מיזרעך אויף, זשומען שוין, ערגעץ-וואו אין די טיפעניש פון הימל, פליגן. טראָגן זיי זיך ברומענדיק איבער דער קאַרפּאַטן-קייט, דרייען זיך, קוקן אויס און פאַרשווינדן צוריק אין די וואָלקנס אריין.

הערט זיך שפעטער אביסל אַ קנאַלעריי. קנאַלן פון די נאָרעס אין די בערג, צום הימל צו, צענדליקער און הונדערטער אויסגעקופּערטע מיילער. שפּייען זיי אין די וואָלקנס אריין, צו די פליגן, מיט שטיקער, אויסגעקנאָטענע אין שווייס און בלוט, מעש און אייזן.

טרעפן זיי אמאָל...

קריכט וואַקלענדיק, פון די וואָלקנס ארויס, אזא אונטערגעשנאַלטע פליג, דרייט זיך אומבאהאָלפן, אָן גלייכגעוויכט אין דער לופטן, צייכנט דאָרט אין געבראָכענע ליניעס איר צעריסענעם ווילן, קערט זיך איבער, פלאַמט אויף, פאַלט אַראָפּ, ווי א שטיין און דערברענט שוין ערגעץ-וואו אַף א באַרג אדער פעלז.

ברענט דאָרטן האָלץ, בענזין, לאַנד-קאַרטעס, פלענער און געדאנקען מיט שטיקלעך אָפּגעארבעטן מאָרך, ליבע-בריוו מיטן פאראומערטן שמייכל פון אונשולדיק מיידל, וואס כאָלמט אין דער ווייט, ערגעץ-וואו אין הינטערגרונט פון טייוול-שפּיל וועגן איר געליבטן העלד. ברענט דאָרטן שטאָל און מעש-דראָט, פעל און הויט אין שמאַטעס פארשידנפארביקע פון קייזערלעך-קעניגלעכן הינטיש איבערגעגעבענעם לופט-וואלף, וואס האט פון הינטער די וואלקנס אף בארג און פעלז געלאקערט. דערברענט עס. בלייבן נאר סקעלעטן פון מאשין און מענטש, צעקנייטשטע, שווארצע און צעדרייטע. ליגט עס אזוי אליין אין מיטן פעלד, אונטער זונען-שיין און באָדט זיך אין אַש פון פלייש און האלץ און שטשירעט אָפּגעדעקטע, נאקעטע ביינער פון מענטש, וואס האט נאָר וואס העכער פון אָדלער, שנעלער פון ווינט די לופטיקע רוימען געמאסטן.

און זון שווימט אלץ העכער און העכער. זון ציט זיך צום זעניט ארויף און בלייבט א רעגעלע דאָרט שטיין און באשיינט ערד צעריסענער. ווערט דאָס קנאַלן שטאַרקער נאָך. זשומען פליגן אין דער לופטן בייזער. ווערט משוגאס היציקער און ווילדער. זוכן קנאַלנדיקע קאַנאָנען די איבערגעבליבענע

פליגן אין דער לופטן. זוכן פליגן די בערג-לעכער מיט די אויסגעקופערטע מײַלער, וואס האבן זייערע א „מאַטקע" פארשפיגן. שמייסן זיך אריבער מענטשן-ווערימלעך, פארגראבענע אין דער ערד, מיט קוילן-בייטשן און אלץ איז דאָ צום טויט פארסאמט. הערצער פארביסענע, מיט גיפט—פולע לאגלען אָנגעפילטע אין שטיינער-האַרטע... מארכן אויסגעטריקנטע — צעפלאצט צו ווערן און אלץ און אלע איז דא אנגעשפּיגרעוועט אַף איין דינסטן פעדעמל:—א רעגעלע און עס רייסט זיך אָפּ...

און ווידער אמאל, צום טויזנט ערשטן מאל הויבט זיך אָן דער טאַנץ...
זון שטייט אין זעניט און שיינט שטום, שניידנדיק העל...
ערד ליגט, ווי אַן אָוול, מיט אַש אפן קאָפּ, מיט גוואַלד-ריס ביזן האַרץ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איבער באַרג און פעלז, איבער טאָל און פעלד, דורך וואלד און טייך, דורך שטאָט און דאָרף ציט זיך אויס א ניי געבארענע, פון ערדן-אש ארויסגע-קראָכענע, כאיע. אַן ערד-וואַמפּיר אזא. האט דער וואמפּיר א מיליאָן און מער קעפּ. האט יעדער קאפּ טויזנט מײַלער. האט יעדער מויל אָן צאל שארפע אויסגעדרייט-פארשפיצטע ציינער. שפּייזט זיך ערד-וואַמפּיר מיט ערד און אייגן פלייש. בלינד איז ערד-וואַמפּיר און מיינט, אז עמיצער בייסט אים און בייסט זיך אליין דערפאר נאך בייזער, און ברעכט אייגענעביינער נאך האפטיקער און ליאַרימט נאך אומגעלומפּערטער און קלאפּט זיך קאָפּ אָן פעלז אלץ שטאר-קער און שטארקער, אזוי, א גאנצן לאנגן טאג אין ווילדער שלעכץ, א גאנצן לאנגן טאג ביז פארנאכט צו. און פארנאכט, א מידער פון א גאנצן לאנגן טאג אומזיסט-אומנישטן בייסן-רייסן זיך, נעמט ער זיך עטוואס איין, פארבייסט אף א ווײַלע די ארויסגעשטארטע, פליישיק בלוטיקע ליפּן, באלעקט זיך און ווערט אנטשטומט...

הערט זיך דאן נאר פון א צווייטן עק וועלט דער געפילדער פון ניט איינגענומענע מײַלער. בלישטשען נאך ערגעץ-וואו אויסגעשטשירעטע ציין, פאר-בלוטיקטע און אָפענע. באקומט נאך ערד ריסן אייגציקע און האַסטיקע, טרייסלט זי זיך נאך אין ווילדער שרעק אין איר אייגן הויט צעריסענער, ברומט נאך וואַמפּיר וועלפיש-הינטיש.

אבער... צו נאכט צו ווערט דארט צייטנווייס שטילער.

אויערן לוישן זיך אָן און הערן דעם פאַלנדיקן געוויש ארום און שרעקן זיך אָפּ פאר אייגענעם געפּילדער און ברומען שטילער און נאך שטילער און ווערן גאר אנטשטומט און גראָבן זיך אין דער ערד אריין שטום-פארשטיקטע אף וואַרט, דעם ערשטן ביס אין אייגן לייב אריין, אף וואַך דעם ערשטן געשריי פון שרעק פאר זיך אליין.

יאָ.

צו נאכט צו ווערט דארט צייטנווייס שטילער.
און אמאל ווערט עס אינגאַנצן שטיל.

יאַמען פינסטערניש פאַלן האַסטיק פלאַסטנווייס אף ערד און כאַיע אַרויף און שטיקן זי, און פארשטאָפּן זיי מויל.

יאַמען פינסטערניש טאַנצן איבער ערד זייער טאַנץ און גליווערן און שרעקן:

— שטיל זאל עס זיין.

— שווייגן.

— דער טויט קאָן אָן קאָל געפינען...

שווייגט אלץ.

דאַכט זיך, אז דאס אלץ איז אויסגעטראַכט אין ברענענדיקער היץ. דוכט זיך—קיינמאל איז אף דער וועלט אזא כאַיע ניט געווען. קיינמאל האבן אזעלכע ווילדע קוילעס די ערד און לופט ניט געריסן און דער גאנצער געפילדער איז ניט מער, ווי א בייזער כאָלעם פון א מידן מענטשן, וואס איז נאך א שווערן ווייטאָק-טאָג מיט א צוגעדריקטער ברוסט איינגעשלאָפן...

דוכט זיך, אז די גאנצע וועלט שלאָפט זיס און זאָט נאכן הייסן פרייטיקן ארבעטס-טאָג און כאָלעמט פון זונען-ליכט און ברייטע רוימען און אָן-סאָפיקע פעלדער-יאַמען, וואס כוואַליען זיך אין פרישן זומער-צייטיקן נאכט-ווינטל.

דאַכט זיך— — — — — — — — —

טרעפט זיך אבער, אז אין מיטן שטילן שווייגן, אין רעכטן זיסן כאָלעמען רייסט דעם דאַכטן איבער א קורצער, אָפּגעהאַקטער מענטשן-קרעכץ...

און עס געשעט גאָרניט.

ווייל אזא איינער, אליין אָפּגעריסענער מענטשן-קרעכץ פאלט אין יאַמען שטילקייט און פינסטערניש אריין און ווערט דאָרט דערטרונקען און דערשטיקט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

א מענטש, א סאָלדאַט א פּאָשעטער האט געוואלט פון זיין פּאָרפּאָסט זיך אויפהויבן און אוועק צום קרעכצנדיקן מענטש.

א מענטש האט שטילקייט געוואלט צעדייסן, אבער דערשראָקן זיך פאַר איר און געבליבן ליגן אַפן אָרט.

ארום אים, אף גאר דער וועלט איז שטיל. אלץ האלט דעם אָטעם איין אין זיך און שווייגט. הערט דער מענטש, ווי ס׳קלאַפּט ביי אים דאָס הארץ, גלייכמעסיק און גאר-גאר רואיק. הערט ער דאס צום ערשטן מאל אין לעבן.

ליגט א מענטש, איינער אין א ברייטער פעלד, אַפן בויך, מיט די הענט די מאָרדע אונטערגעשפּאַרט. קוקט ער מיט אויסגעשטאַרטע אויגן פאָרויס, אין דער פינסטערניש אריין, זעט ער דאָרט גארניט, ווי עס וואלט גארניט געווען. פּילט ער גארניט, ווי ער וואלט אליין ניט געווען און וואלט פון זיין און ניט זיין ניט געוואוסט.

דאכט זיך אים, אז עס וואַקסט אויס פון דער שטיל... זים ייט

דער שאָטן זײַנער. דערפֿילט ער אים. פֿאַרוואונדערט דאס אים און באַאומרו-איקט. דאַכט זיך אים, אז דער שאָטן כויזעקט פֿון אים, שטעלט אים ציִנגער אויס און רייצט זיך מיט אים:

— ביסטו פֿאראַן אדער ניטאָ?

— דערמאָן זיך, ביסטו בייטאג ארויס א גאנצער?

און עס וואַקסט שאָטנס כויזעק:

— און דער געלער וואו איז, האַ?

דערמאָנט ער זיך אָן געלן. פֿרעגט ער שוין זיך אליין:

— ווי אזוי איז דאס געשען?

שטייט א מענטש, האנט ביי האנט מיט אים, אין איין ריי. הויבט ער אויף א האנט און וויל עפּעס ווייזן. פֿליט אָן א שטורם-ווינט, גיט זיך א דריי, גיט א פֿייף און...

אויס מענטש. ניט געווארן. און איידער ער באוויזט נאך צו פֿאַרשטיין, דערפֿילט ער, ווי ס'פֿאַלט אים אַפֿן פּלייצע ארויף אָן אָפּגעריסענער שטיקל שוך. א פֿאנאנדערגעפֿליקטער, א נאַסער און אויסגעשמירטער אין פֿרישן מאַרך און בלוט. אַן אונטערגעסמאַליעטער גליטשט ער זיך איבערן פּלייצע און בלייבט שטעקן אין זאַמד.

— דאס גאָר איז פֿון מענטש געבליבן?

— איז דאס פֿון גאַנצן געלן, אָט פֿון הויכן ברייט-פּעניִמדיקן, זומער-שפּרינקלענדיקן מענטש נאָר דער פּיצל פּוס געבליבן"?...

און שאָטן כויזעקט:

— כי-כי-כי, מיטן געלן איז אַן אויסגעטראַכטע מאַיסע. פֿון דיר איז עס נאָר א צעריסענער אָפּצאַס געבליבן.

פֿרעגט ער ערנסט און בייז:

— ווער זשע טראַכט, אָט ערשט?

— די שטיקל מאַרך און שוך...

— אזוי גאָר... אַן אָפּגעריסן שטיקל מאַרך טראַכט פֿון זיך און פֿון געלן און פֿון וואס ס'איז געבליבן פֿון זיי...

שמיט אים שרעק אין שטאָלענע רייפֿן איין. וויל ער שרייען, פֿילדערן, רייסן זיך, וועקן, רופֿן און דערפֿילן זיך, קען ער ניט.

ליגט ער א פֿארשטיינערטער, רייסט די אויגן אין דער פֿינסטערניש, זוכט און לוישט און הערט זיך צו און זעט גארניט, און הערט גארניט און שטיקט זיך אין איימעדיקן כווישעך.

גיט א גרילץ ערגעץ אין א שטיינער-שפּאַלט א גריל. ווערט ער אויפגע-ציטערט, הערט זיך צו און כאַפּט אויף ס'גרילצן. עגבערט דאס אין מויעך: „א גריל אָדער א מענטש א סוינע?" לוישט ער ס'גרילצן טיפֿער נאך און באַרו-איקט זיך: „א גריל, א גריל..."

שווימט ארויף אים אין קאָפּ ווידער דער פּיצל שוך. לאַכט ער שטיל אין זיך: „קען דען דאס געשען, אז א שוך זאל טראכטן?" גלויבט נאָך אָבער עמיץ ניט אין דעם, אז א שוך קען ניט טראַכטן. הויבט ער אויף, ליגענדיק, ביידע פיס ארויף און אראָפּ, דרייט זיי אַף אלע זייטן, לייגט צענויף און שייט פאַנאַנדער און אָנעמענדיק מיט ביידע הענט פאַר די נעזער די שטיול, טאַפּט ער זיי פון דאָרטן ביז די קניען אריבער.

לאַכט ער שוין פון זיך אליין: „וואס אין קאָפּ קען אלץ קריכן אין אזעלכע רעגעס"

טאַפּט ער אָן אַפן לינקן שטיוול, אין האַרמאָניקע אַן אויסגעריבן לעכל. באַשליסט ער: „מאָרגן אומבאַדינגט אין דאַרף זיך בעטן, ס'איז פון דערהיים נאך די שטיוול, דאָ וועט מען אַזעלכע ניט געבן..."

שעפּט זיך מיט אמאָל אויס פון וואָס צו טראַכטן, הויבט ער אָן ציילן די מינוטן. מאַטערט אים דאָס פאַמעלעכע גיין פון דער צייט: „שוין מער ווי טויזנט אָפּגעציילט און ס'רירט זיך ניט פון אָרט..." ציילט ער ווידער „איינס און צוויי, איינס און צוויי" ביז ס'פאלט א מידקייט אַף אים ארויף. וואַרפט ער דעם קאָפּ אין א זייט אוועק און פאַרוויגט אים אין א שווערן דרימל.

.3

אין מיטן נאַכט, אין מיטן פעלד, ניט נאָנט און ניט ווייט, מיט שטיל און כוישעך צוגעדעקט ליגט א מענטש. ליגן באַ די זייטן אים דער פעט-געדיכטער שוואַרצער שאָטן און די ביקס. ליגן זיי אזוי אין דרייען און שווייגן. שווייגט ערד און הימל, באַרג און טאָל, פעלד און וואַלד. שווייגט גאָר די גאַנצע וועלט, אין כוישעך שטילקייט אַיינגעהילט און פאַרוויקלט.

כאָלעמט זיך אָבער דעם מענטשן פון פרייד און לייד, זונען-ליכט און שיידן-קוש פון דער האַרציק איבערגעגעבענער מאַשען, וואס האט דעם צייל-עמל אים אַפּן האַלז ארויפגעהאַנגען און אין ווייטע פרעמדע וועגן געצייל-עמט און געבענשט. ציטערט אויף דער מענטשן-קערפּער. גיט ער זיך א וואָרף, א דריי און לאָזט ארויס א טיפן, שווערן קרעכץ.

ווערט אויפגעציטערט די שטומע פינסטערניש; ווי א שטיין אין שטילן וואַסער אריינגעוואָרפן, רייסט דער קרעכץ די גלאַטע פלעכע איבער. צעגייען רעדעלעך זיך אין אלע זייטן. ווערט דער קרעכץ געקויפּלט. טראָגן זיך שוין מיליאָנען קרעכצן אין דער לופטן, שטיקן זיך אין כוישעך, שטיקן זיך, דער-שטיקן זיך און שטאַרבן פאַמעלעך אפּ...

דערגייט אבער דער שוואַכסטער אָפּקלאַנג, דער לעצטער שוין דערשטיק-טער קלאַנג, צו א מענטשנס אויער צו. לוישט יענער אים אויף, כאַפּט אין אויער אים אריין, כאַזערט אין זיך אים איבער און באַשליסט:

— מענטש איז דאָ.

א מענטש איז דאָ. דאַרף מען די וועגן זיינע אויסשפּירן, דאַרף מען דעם

מיין זיינעם אויסטאַפּן: וואס וויל א מענטש אין כוישעך־נאַכט... כאַזוערט ער איבער נאָכאמאל דעם קרעכץ און צעפּיצלט אים אַף ברעקלעך און וויל אויס־לייענען אין שווערן זיפץ:

— וואס דאַרף א מענטש אין כוישעך דאָ?

פאַלט ער צו דער ערד אַראָפּ און קלייבט, ווי אַרבעס, די צעפּיצלטע קלאַנגען פון מענטשן־קרעכץ, און טאַפּט צעגראָבענע ערד און וויל דורך איר א שאָלעם־וועג צו מענטשנס האַרץ געפינען, וואס האט נאָר וואס אזוי שווער געזיפצט...

וויל ער דעם כוישעך כאָטש א טראָפּן גראָער מאַכן. קוקט ער אַן איינ־געהויקערטער אין דרייען, אין דער פינסטערניש אריין, לוישט און זוכט און שנאָרכט און זעט גאָרניט און הערט גארניט. לייגט ער זיך איינגאַנצן אַף דער ערד אוועק און קריכט אַף אלע פיר, ווי א וואָרים, אָן גערויש, איינשרומפנדיק און אויסציענדיק דעם קערפּער...

דאַכט זיך אים, אז די גאנצע וועלט ווערט פאַרפולט מיט גערויש. דאַכט זיך אים, אז אלץ קוקט אים נאָך, האָרכט זיך איין און שטיקט זיך פון געלעכ־טער. וואס א מענטש קריכט אזוי פּאַמעלעך און פאָרזיכטיק און מיינט, אז קיינער זעט ניט און מיינט, אז קיינער הערט ניט און מיינט, אז עס איז נאך דאָ א שאָלעם־וועג צו קרעכצנדיקן מענטש געבליבן...

בלייבט ער ליגן אַף א ווייַלע. עפנט ער ברייט דעם מויל אויף, ווי א פיש פון וואַסער ארויסגעשלעפטע, לאָזט פּאַמעלעך און מיט ציטער דעם אָטעם ארויס און בלייבט ליגן, שטום פרעסנדיק דעם געדיכטן כוישעך...

פאַלן מיליאָנען־פודיקע שווערקייטן אים אַפן פּלייצע אַראָפּ און דריקן אים מיט זייער שווערקייט אין דער ערד אריין. דאַכט זיך אים, אז ער זינקט... זינקט...

פאַלט אף אים אָן א ראַכמאָנעם אף מענטשן און אף זיך און אף ערד, וואס שטאָפּט זיך מיט איבערגעשראָקענע פייגאָרים און ס'ווילט זיך אים אויפ־הויבן זיך פון דער ערד און אוועק מיט אויפגעהויבענעם קאָפּ און מענטשלעכער ווירדע, אוועק וואוהין האַרץ וועט ציען... הערט ער אבער, ווי אין צען טריט וואַרפט זיך ווידער עפּעס פון איין אַף דער צווייטער זייט אוועק און כאַזערט איבער דעם זעלבן קרעכץ.

ווערט אים, מיט אמאָל, יענער, דער קרעכצנדיקער, נאָנט און טייער. ווערט האַרץ דערפרייט:

— א קראַנקער מענטש האט אין כוישעך־נאַכט פאַרבלאָנזשעט און מיינט קיינעם גאָרניט.

יאָ, יאָ, א מענטש זוכט הילף און וועט דאַנקבאַר זיין פאַרן וועג אָנווייזן אין פינסטערער נאַכט... פאַרגעסט ער אָן שרעק, הויבט ראַש פון דער ערד זיך אויף, גייט מיט האַרטע טריט צום קרעכצנדיקן צו און רופט שטיל:

— ווער דאַרף עס וואס?

איז א ווייַלע שטיל.

וויל ער נאך אמאל א רוף טאָן.

געשעט שוין צווישן שטילקייט און דעם רוף,—אין איין אויגנבליק, איידער עס קען צווייפל אָנשטאָט האָפנונג קומען,—עפּיס אזוינס, וואס פאַרענדיקט אלץ מיט אמאל.

רייסט זיך עפּעס אויף ראַש פון דער ערד און בליצט מיט שוואַרצן ליכט פון גלאַנצנדיקן שטאָל אין דער כּולשעך נאַכט אריין...

ווערט דעם, וואס האט גערופן, אף א רעגע, וואַרים-זיס. גייט עס איבער אין א מידקייט. צעוואַקסט עס זיך אין א ווייטאָק. וואַקסט עס אויגנבליצנדיק שנעל. רייסט יעדער פּיצל הויט באַזונדער פון קערפּער זיך אָפּ און שפּרינגט ערגעץ — אוועק. שטעלן זיך אויף האָר, ווי שטאָלן-דראָט. קוילערן זיך ארויס אויגן-עפּל פון די נעסטן ארויס און בלייבן הענגען אף שטיקלעך אָנגעריסענע פליישׂ...

ווייטאָקט עס אזוי — — — — — — — — — — — —

האט איר געהערט אמאל, ווי עס קרעכצט א געשאָכטענער אָקס מיט קאָפּ אף שטיין פאַרוואָרפן, ווען מיט שאַרפן קלאַנג פון מעסער רייסט זיך אויך פון גאָרגל ראָזלעך-שוימיקע בלוט ארויס?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

.4

יאָ.

א מענטש האט זיין קורצן, פינסטערן לעבן פאַרענדיקט סאַכאַקל מיט אַן אָקסן-קרעכץ, א כאָרכלדיקן און הייזעריקן... געלאַסן און פאַמעלעך האט זיך דער כאָרכלען זיינער געשאָטן, ווי טרוקענער באָב פון א צעריסענעם זאַק אַפן נאַקעטן שטיין און הייזעריק זיך פארטרונקען אין קאַליזשע בלוט...

האט ער שוין קרעכצנדיק אזוי, לאנגזאם די קני אונטער זיך ארונטער-געבויגן, אף א ווילע זיך צוגעזעצט און מיט אמאָל, א שטומער, אוועקגעפאַלן אַפן פּלייצע... האט דער שטיקל שפּיז, וואס האט פון דאָרט ארויסגעשטעקט די ערד פאַרשטאָכן. און אזוי איז ער שוין געבליבן ליגן אַן אויסגעצויגענער מיט ארויסגעשפּרונגענע אויגן פון קאָפּ, מיט אויפגעשטעלטע האָר, א צוגעשפּיליעטער צו דער ערד אף דרייען זיך מיט איר אין איר משוגענעם געווירבל...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

א לעבנדיקן מענטשן איז, אַפּאָנים, ווייניק לעבן זיך קויפן מיטן טויט פון זיין ברודער.

א לעבעדיקער מענטש פאַרלאנגט אויך רו.

אז א לעבעדיקער מענטש קען קיין רו ניט געפינען וואַרפט עס אים, ווי א אומרו, צווישן היץ און קעלט, צווישן ליכט און פינסטערניש, צווישן טויט-שרעק און לעבן-פרייד און לאָזט ניט צו זאַט זיך אָנטרינקען פון זיסן קוואַל אין שטילן, גרינעם טאָל אונטער זונען-ליכט...

פארטרייבט אבער פרייד פון ארויסגעריסענעם באַם צווייטן, פאַר זיך, לעבן, אלדאָס איבעריקע. גאַנוועט ער זיך שטיל צום טויטן ברודער זיינעם און רירט זיך אָן דער ביקס אָן.

כאַפּט אים ווידער אמאל ארום די ווילדע איימע:

— און וואָס, אויב ער איז נאָך ניט אַף טויט דערשטאָכן?

דאַכט זיך שוין אים, אז דער, מיטן דורכגעשטאָכענעם בויך, הויבט זיך פּאַמעלעך פון דער ערד אויף, קומט נאָנט אים אַנטקעגן, קוקט טיף מיט די לעכער פון די ארויסגעשפּרונגענע אויגן אים, דעם לעבעדיקן, אין פּאָנים אריין, הויבט אויף די הענט איבער זיין קאָפּ, בענטשט אים און שפּאַנט שטום אוועק אין זיין רו אריין...

ציט אים עפּעס. לאָזט עס אים ניט רוען. לויפט ער אים נאָך און זעט, ווי יענער דרייט זיך אויס און בלייבט שטיין קעגן אים, פּאָנים על פּאָנים אזאַ שטרענג-שטומער, אזא פאַרגליווערט-טויטער. אַנטלויפט ער פון אים און פאַר-פּלאָנטערט זיך אין די אייגענע טריט...

פאַלט א האָגל פון שאַרפע נאָדלען אף זיין קאָפּ. כאַפּט ער זיך פאַר אים און צערייסט זיך די הענט אָן זיינע אייגענע האָר...

א לעבענדיקן מענטש, אפאָנים, איז ווייניק לעבן אויסקויפן, א לעבע-דיקער מענטש זוכט רו און דאָ ציט זיך יעדע האָר פון קאָפּ ווי א לאַנגע, דינע שטעכנדיקע נאָדל דורך מאַרך אין האַרץ אריין און טיפער און שטעכט יעדן קעמערל פון לייב און אין מיטן דרינען דערמאָנט זיך עס גאָר:

— קאַאין, קאַאין, וואו איז דיין ברודער?

— בין איך דען אָנגעדונגען מיין ברודער היטן?

— אַך! צום טייוול די נאַכט מיט די משוגענע רעגעס אף די שוואַרצע ליילעכער פון צייט...

— אַך!

און

— אַ-אַ-אַ-אַ... אַ-אַ-אַ-אַ...

דערקענט ער ניט זיין אייגן קאָל און פלינק-פלינק פאַלן אלע שפילקע-לעך פון קאָפּ ארויס און גיך-גיך קלאַפּט עמיץ אויס דאָרטן:

— אַ-אַ-אַ-אַ... מען גייט און ער איז אָן ביקס און אָן שפּיז...

— — — — — — — — — — — —

עס דאַרף דען לאַנג געדויערן די שפּיז פון א טויטנס בויך ארויסשלעפּן?

עס דאַרף דען לאנג געדויערן דעם שפּיז ארויסוואַרפן אזוי, אז דער, וואס קריכט אף דיר, זאָל אַפּן שפּיז ארויף?

נאָר אז ער דערהערט דעם האַרציק-געוואונשטן וואָרט-צייכן „שפּיז”, „שפּיז”, דערמאָנט ער זיך באַלד אָן אלדאָס ניכטערע, דערקענט יענעמס קאָל און שפּרינגט צו צו אים א דערפרייטער און באַגליקטער:

— דו, יאַסעק?

— איך.

געפינט ער אָבער ניט אין דער צווייטער רעגע וואס צו זאָגן און דרייט זיך אויס:

— גיב דעם קיסעט.
און גיט גלאַט אזוי זיך צו:
— א העכט...
— א פרישער?
און ביידע באַטאַפּן אין דער פינסטער דעטאַל און געלאָזן אַן אויסגע-צויגענעם דייטש.
און אין אַ רעגעלע בעט זיך דער, וואָס דאַרף אף „אַפּרו” גיין:
— קום מיט מיר א פּיצל.
— האָסטו מוירע?
— ניין. גלאַט אזוי.
און פלוצלינג גיט ער זיך א דריי אויס צו זיין כאַווער און גיט אים א פרעג:
— האָסטו געהערט אמאָל, ווי עס כאָרכלט א געקוילעטער אָקס?
און אין אַ רעגעלע האָבן ביידע אַיינגעשטימט:
— ער איז פעט ווי א כאַזער, דעריבער האט ער אזוי גערעוועט.
און נאָר איינס וואונדערט א מענטשן, וואס גייט אף „אַפּרו”:
— ווי אזוי רעווען דאס א מענטש אזוי לאַנג נאָכן טויט?...

---

ער האט אים דאָך באַגלייט.
אין צווייען האבן זיי געשפּאַנט געלאָסן אין דער שטומער נאַכט, אין פוסטער פעלד, שטומערהייט. מאַכאָרקע-רויך האָבן זיי פון די אַרבל געצויגן און געשפּאַנט אזוי זיך, גאַנץ זיכער, גאַנץ רואיק...
צו נאַכט-צו ווערט דאָך דאָרט, צייטנווייס, רואיק...
נאָר אמאָל טרעפט זיך עס, אז ס'פּראַלט אויף אין הימל, אין מיטן גע-דיכטער נאַכט, א זונען-העלער פייער-שטיק. דרייט דאס זיך געלאָזן אויס, פאַרשטעכט טיף אין דער כוישעכדיקער לופט א העלן שפּיז, ציטערט, און אז כוישעך כאַפּט אזאַ ראַקעטע פון ביידע עקן און הויבט עס אָן פרעסן—בלייבט קוים איין פונק פאַר די פאַרלאָפענע אַפּלען פון די ארויסגעשפּרונגענע אויגן ביים דערשטאָכענעם און אויך דער פונק לעשט זיך גלייך אויס.
און אמאָל טרעפט זיך עס, אז פון אונטער א באַרג אפער קומט צעקריכן א ברייטער סנאָפּ גראָע ליכטיקייט. דרייט ער זיך פון רעכטס אף לינקס, כאַפּט אריין אין זיך, אף א מינוט די צוויי שפּאַנענדיקע מיטן באַרמינען פון הינטן, ציט אויס פון זיי לאַנגע שאָטנס, גיסט זיי אלע דריי צונויף און פאַרשווינט ערגיץ צוריק אין די טיפענישן פון הינטערבערגיקן כוישעך.
איז עס שוין ווידער שטיל. שטיל ביז באַגינען, ביזן ערשטן מאָרגן-שטראַל. שטיל ביז דער צווייטער רעגע פון משוגאַס, ווען ערד-וואַמפּיר וועט ווידער זיין מיליאָן מיילער עפּענען אף לעסטערן און פאַרשפּייען די ערד מיט בליי.

---

# פיגורן

## 1.

וואס קאָן דען געשעען, אז א מאַכנע שלעפּט זיך איבער שלעפּעריקע בלאָטיקע וועגן, אז א מאַכנע קריכט אריבער פון איין אין דער צווייטער גרוב אריין?

כמורער האַרבסט-רעגן שיט זיך ווי אָנגעלאָפענער גראָער אַרבעס און פּיקט אין די אויסגעדאַרטע פלייצעס און ווייקט די אויסגענעצטע ביינער.

פיס-פינגער גליטשן זיך איינע אָן די אַנדערע...

וועגן זיינען אומבאַקאַנטע און פאַרהאַנגענע מיט נאַסע, קויטיקע אַש-פלאַכטעס. דערפלעך אף זיי ליגן, ווי קופּעס מיסט, זויער-איפּעשדיקע...

ס'שלעפט זיך א מאַכנע.

יאָ.

דאָ אף די וועגן איז בעסער. דאָ איז שטיל. דאָ לויפט נאָר דורך אמאָל די דאָרפס-גאַס א גויע און שטעלט זיך אָפּ אף א ווײַלע, שטייט א רעגע און קוקט פאַרכידעשט... איז, אז זי דערמאָנט זיך, כאַפּט זי זיך, פאַרשפּילעט דעם בוזעם און פאַרשווינט.

וואָס האָט געמיינט די גויע?

איז זי טאַקע אף דערעמעסן געוועזן דאָ, אָדער ס'האָט זיך עמיצן אין דער מאַכנע א מאַמע געכאָלעמט?

ווער קאָן דאס וויסן.

דאָ פאָרט אמאָל דורך אַן אַלטער גויטשיקל מיט א שיקסעלקע אין וואָגן, מיט רעגן-נאַסע זעק אף די קעפּ, און לאָזט דעם וועג און שאָקלט צו מיטן איבערגעדעקטן קאָפּ.

— א גוטן טאָג!

און אַן אַנדערער זאָגט נאָך:

— גאָט העלף!

יאָ, גאָט העלף...

און ווידער שטיל. און ווידער גוט.

מען לאָזט לויפן פאַרכידעשטע גויעס. דורכפאָרער מאַכט מען דעם וועג און מע מישט ווייטער געהאָרכזאַם די שיטערע בלאָטעס. און גיט איינער א פרעג:

— ס'איז נאָך ווייט?

וואַרט ער אפילע אף קיין ענטפער ניט.

ס'איז אים דען ניט אַלץ איינס?...

נאָך וועגן, וועגן ציען זיך, און אלע בלאָטיקע, אָן א טראָפּן זון. נאָר אף די וועגן איז דאָך בעסער.

אָט רוקט זיך נאַכט אַנטקעגן, ווי זי וואָלט קיין געדולד ניט געהאַט וואַרטן, ביז מ'וועט אַפּן אָרט קומען און אנידערפאַלן מידע. ציט זי אירע פינגער און רופט, רופט צו זיך. לאָזט שוין מאַכנע איבער הינטער זיך איפּעשדיקע דערפלעך מיט קינע און פאַרדרוס און מע טרייסט זיך מיט קוליעס שטרוי און א הינטערן באַנק.

ס'טרעפן זיך שוין אזעלכע טעג, ווען מ'שלעפּט זיך געהאָרכזאַם אזוי און האַכנאָעדיק, און נאַסע פיס באַוועגן זיך נאָר דערפאַר, ווייל יעדער טראָגט מיט זיך אין האַרץ א שטיקל טרוקענעם אונטערן-באַנק, וואו מען קאָן נאַסע גלידער דערוואַרימען...

גייט מען אזוי אונטערן כליופּעדיקן האַרבסט-רעגן און מען טראָגט צי-טערדיק אין די הערצער באַ זיך א פּאָר שטרויעלעך און א פּיצל טרוקענעם אונטערן באַנק,—דעם גוף אין א בייגל צענויפדרייען און אף די פּאָר שטרויע-לעך אים אנידערלייגן: זאָל ער זיך אויסטריקענען...

ווערט שוין גוט אזוי, אז עמיצער כאָלעמט אַפּן וואָר:

— גוט איז אַיינצושלאָפן הינטערן באַנק!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

2.

א הינקענדיקע צויג האָט קיין רו ניט געהאַט. א הינקענדיקע צויג האָט רו געזוכט און א מענטשן, א כאַווער. ווייל אליין, איינזאַם אין איר ווי איז זי געווען די צויג און שווער איז איר געווען אליין דאָס פאַרטראָגן.

עמיצער האָט איר אמאָל, אין א זומער-טאָג, ווען זי איז מעאובערעס געווען, פון וואוילטאקע וועגן, א פוס איבערגעבראָכן. אף א מיטן וועג צווישן דאָרף און דאָרף איז דאָס געווען, און זי האָט זיך אפילע צו איר היים ניט דערשלעפּט.

האָט זי אַפּן וועג, פאַר דער צייט, די טויטע הינטעלעך אירע אָפּגע-וואָרפן און א בלוטאָפּגעגאַנגענע געבליבן ליגן דאָרטן.

האָט די הינקענדיקע צויג דעם שלאָף אירן פאַרלאָרן און דעם קאָל. זי האָט בילן פאַרגעסן.

האָט זי זיך איבער די וועגן געוואַלגערט ביז האַרבסט, ביז גראָען רעגנדיקן האַרבסט, ביז וואַנען די מאַכנע איז אף יענע וועגן דורך.

און אז די מאַכנע איז צוריקגעקומען, האָט די צויג זיך אָוועקגעשלעפּט מיט איר און א כאַוועער האָט זי זיך געפונען: א גראָען מענטשן מיט א פלאַכן פּאָנים, וואָס האָט הילצערן געשוויגן. האָט זי זיך געשלעפּט מיט אים און מיט דער מאַכנע.

נאָר הינקענדיקע צויג האָט קיין שלאָף ניט געהאַט. הינקענדיקע צויג האָט אפילו וואָיען ניט געקאָנט און שווער איז איר געווען איר כאַוועערס הילצערן שווייגן צו פאַרטראָגן.

איז, ווי מ'איז אָפן אָרט געקומען און הינטער ביינק זיך צעקראָכן, איז זי אָוועק פון אים. האָט זי אָוועקגעהינקט צווישן אַנדערע. האָט זי געניששטערט דאָרט, געשמעקט די בלאָטיקע פאַרשוויצטע פינגער פון די פיס, געלעקט די אויפגעבלאָזענע בייכער און זיך געשראָקן פאַר זייערע פאַרמאַכטע אויגן און אָפענע מיילער, גרייטע צו שרייען...

איז זי צוריק צו איר כאַוועער אַוועק, קעגן אים זיך אַנידער געזעצט. די אונטערגעבראָכענע פיס אונטער זיך אונטערגעבויגן און צוריק איר בילנדיקע שטים באַקומען:

— באַשיץ א מאַמע...

דער הילצערן-שווייגער פון הינטערן באַנק האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן און איר אָנגעקוקט.

און הינקענדיקע צויג האט מיט הינטישן טרויער זיך געבעטן:

— באַשיץ א מאַמע פון טויטע קינדערלעך...

---

א שלאָפנדיקער מענטש האָט דערשפּירט די סאַקאָנע פון שטילקייט. אומרו איז דורך מיריאַדן לעכעלעך אריינגעשפּרונגען אין הויט פאַרבלאָטיקטער און צום קאָפּ זיך דערלאַנגט און פון דאָרט דורך אָפענע אויגן מיט שרעק ארויסגעקוקט.

האָט זיך געטרייסלט דער קאָפּ גיך און האַסטיק, און א מענטש האָט זיך געמאַטערט אונטערן באַנק.

— מען דאַרף ניט שטילקייט, מען דאַרף ניט...

און אין א ווײַלע ארום זיך געקלאָגט:

— צום טייוול! ס'שלאָפט זיך ניט.

— אָ-אָ-אָ-אָ.

---

אין דערעמעסן איז ער געשלאָפן. אונטערן באַנק אין א קנויל געלעגן צענויפגעדרייט און איז געשלאָפן. דאָס אלץ, וואָס דאָ איז דערציילט געוואָרן האָט זיך אים גאָר געכאָלעמט.

אז א מענטש האָט פאַרגעסן פון בלאַסער וואר און שלאָפט איין א נאַסער הינטערן באַנק — שטאָפט און וואַרגט זיך זיין שלאָף מיט שרעק פאַר ניט קאָנען איינשלאָפן.

אַ שוואַרצע מויל פון אַ קרומער טיר קעגנאיבער אונטערן באַנק האָט אויפגעגענעצט, אַ וואַכעדיקן מענטשן אין שטוב אריינגעשפּיגן און מיט אַ סקריפּ זיך צוריק פאַרמאַכט.

איז ער געשטאַנען דאָ באַם שוועל דער וואַכנדיקער מענטש אין רעגנ-דיקער נאַכט, די לופט געשמעקט און מיט די אויגן די פינסטערניש געטאַפּט.

ער האָט שוין אַלץ פאַר דער צייט פון דער מאַכנעס-ארומשלעפּן זיך אויסגעזעען און אויסגעפּרואווט. אין אַלע בלאָטעס האָט ער, קריכנדיק אַף אלע פיר, זיין פּאָנים אויסגעשלעפּט און דעם טאַאַם פון ערד פאַרזוכט. פון ערד אזוינער, וואָס איז מיט ווילד פלייש באַוואַקסן געוואָרן.

זיינען שוין געוועזן אַזעלכע טעג באַ אים, ווען אויסהיטן זיך פון קויל האָט מען געקאָנט נאָר דאַמאָלסט, ווען מע גראָבט זיך אויס מיטן פּאָנים אַ גריבל אין דער ערד און מ׳באַהאַלט דאָרט דעם קאָפּ. פליט די קויל פאַרביי. בלייבט מען לעבן.

דאָ איז לעבן — אַ פייכטע, גליטשיקע וואַנט, אַף וועלכער ס׳ווילט זיך איינהאַלטן... אַ פייכטע, גליטשיקע וואַנט, אַן וועלכער מען צערייסט זיך די נעגל, וועלנדיק זיך פאַרהאַלטן אַף איר און ארויפקריכן אַף אויבן, אַפן ברעג, פון וואַנען עס זעען זיך די גרינע טאָלן באַגאָסענע מיט זון...

היט אויס אַמאָל אַ גריבל אַנ׳אויסגעגראָבענע מיטן אייגענעם פּאָנים...

האָט דער מענטש, וואָס איז פון אַ נאַכט-שרעקעניש אַריינגעשטויסן גע-וואָרן אַהער אין שטיבל אַריין, געהאַט אַזאַ הילצערן ברעטל-פּאָנים.

פאַראַן דאָ אין מאַכנע אַזעלכע פּענימער אַ סאַך...

ס׳טרעפט זיך אַמאָל, אַז ס׳גייט מאַכנע און טראָגט אַף די פּלייצעס אירע ניט קעפּ, ניט פּענימער, נאָר ברעטלעך אַזעלכע, פלאַכע, ברייטע מיט צוגע-פלאַטשעטע נעזער און שאַרפע, שפּיציקע קינבאַקן... און הויבט זיך אויף אַ געפּאַר-טומל פאַלן זיי אַנידער און גראָבן מיט די קינבאַקן די ערד און דריקן דעם קאָפּ אהין, אין דעם אויסגעגראָבענעם גריבל אַריין, און באַהאַלטן אַמאָל אויס די ברוינע ברעטלעך זייערע, די פאַרוואָרפענע קעפּ...

נאָר דאָס איז אַלץ דאָרט, באַ דער וואַנט, דאָ איז אַנדערש. דאָ צעקריכן זיך מידע שלעפער אַף נאַכט-לעגער, ווער אונטערן באַנק, ווער אַפן בוידעם.

איז איצט דאָ געשטאַנען אַ מענטש, אַן אַראָפּגעוואָרפענער פון בוידעם, געשטאַנען אַ מינוט באַם שוועל — און אז אויג האָט דערביסן דעם קנויל אונטערן באַנק, איז ער צוגעשפּרונגען אהין און געריסן דעם שלאָפנדיקן:

— שטיי אויף! שטיי אויף!

## 4.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פיר פיגורן זיינען געשטאַנען ווייט אונטערן סטריכע פּאַרוקט און האָבן געקוקט מיט קאַלטע בלאָע אויגעלעך אין דער פינסטערניש פון בוידעם אריין.

פיר פיגורן אף א בוידעם, אין א דאָרף אונטער א שטרויענעם דאַך.

פיר וואַקסענע פיגורן מיט בלאָנדע לעקלעך, מיט בלאָע אויגעלעך, מיט דורכזיכטיקע ראָזלעכע נעז-לעכער, מיט נאַקעטע בריסטן.

אַמאָל זיינען זיי געשטאַנען אין א גרויסער שטאָט, אף א גרויסער גאַס, אין א שוי-פענסטער און האָבן צו דורכגייער געוואונקען און האָבן אין קלייט גערופן.

געווען אַזאַ צייט פאַר זיי.

איצט שטייען זיי אַפן בוידעם און וואַרטן און בענקען נאָך זייער ליכט פון גרויס-שטאָטישע שוי-פענסטער.

איצט גאַנוועגען זיך פון צווייטן ווינקל צוויי מענטשן צו זיי. צוויי מידע שלעפער, וואַכנדיקע אין א רעגנדיקער נאַכט, גאַנווענען זיך צו זיי. אָט זיינען זיי שוין גאָר נאָענט... אָט פילן זיי שוין זייער אָטעם...

יאָ, יאָ.

פיר זינדערינס האָבן זיך דאָס אַפן בוידעם פאַרקליבן און וואַרטן... אף א ווייל, אין דער פינסטער וועט מען אָפּזינדיקן מיט זיי און אוועק.

פיר זינדערינס.

ניט מער.

דאַרף מען זיך שטיל גאַנווענען, גוט אויסרעכענען דעם שעטעך פון שפרונג. און שטיל און זיכער —

אָט — — —

ס'איז גוט... קאַלטע, פולע מיידל-ברוסט דריקט די באַק, בריט די ליפּ, קילט דעם מאַרך...

ברעטל-פּאָנים איז ניט געוואוינט צו גלאַטע מיידל-ברוסט. ברעטל-פּאָנים ווייסט נאָר די פייכקייט און גליטשיקייט פון בלאָטע.

מיידל-ברוסט איז ווי קאַלטער וויין...

מיידל-ברוסט רייצט אזוי, אז ס'גאַנצע ביסל בלוט, וואָס איז, נאָך יאָרן ארומשלעפּן זיך, אין גוף געבליבן, איז אין ווין איבערגעטריבן געוואָרן, אין קאַלטן, שטאַרקן וויין... פליסט ערשט דער ווין ארויף און אראָפּ און ס'גלעט אזוינס, וואָס איז יאָרן פון בלוט אָרעמקייט אַן אונטערגענעצטע אין בלאָטעס געשלאָפן... און איצט וועקט זיך עס און שטויסט די הענט אַראָפּ, נידעריקער, נידעריקער... עפּעס דאַרפן זיי געפינען אזוינס, וואָס זאָל אָפּלעשן די אויפגעזאָדענע לוסט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פינגער האָבן גאָרנישט ניט געפונען און האָבן אין זאַמד פון בוידעם זיך פאַרשטעקט, אין קאַלטן זאַמד. דאָס געזוכטע האָבן זיי ניט געפונען, האָט לוסט פון זיך אליין זיך אויסגעלאָשן.

האָט זיך וויין מיט אַמאָל פון אים אויסגעגאָסן, ווי עמיצער וואָלט אים דורכגעלעכערט. איז ער דערפון נישטוימעם געוואָרן און האָט אָנגעצונדן פייער.

5.

דער וואַכנדיקער מענטש, וואָס האָט זיין כאַוועך פון אונטערן באַנק אַפן בוידעם אַרויפגעשלעפט, האָט געהאַט מיט זיך א סאַך שוועבעלעך. האָט ער זיי אַלע אויסגעריבן און א ליכט אָנגעצונדן און גוט ארומגעקוקט די פיר מיידלעך, וואָס זיינען געשטאַנען אונטערן סטריכע פאַרוקט, און, גאָרניט פאַרשטייענדיק, געפרעגט באַם צווייטן:

— וואָס איז דאָס?

— פיגורן.

— פיגורן? — וואָס איז פיגורן?

6.

א שטיק נאַכט זיינען זיי אָפּגעזעסן מיט די זינדערינס.

אין זאַמד איז געשטאַנען פאַרשטעקט א כיילעוו-ליכטל און דאָס פלעמל, א דערשראָקנס פאַר בוידעם פינסטערניש, האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן און געצאַנקט.

אין א ראָד זיינען זיי געזעסן:

פיר פיגורן, ברעטל-פּאָנים און הילצערן-פאַרטראַכטער שווייגער.

אין דער מיט — דאָס ליכטל.

אונטן, הינטערן באַנק, האָט די הינקענדיקע צויג אַן איינזאַמע געוואָיעט:

— באַשיץ א הינטישע מאַמע...

האָט ברעטל-פּאָנים נעהאַלטן אין איין פרעגן:

— צו וואָס דאַרף מען די פיגורן?

און הילצערן-שווייגער האָט געשוויגן.

האָט ברעטל-פּאָנים נאָך אַמאָל געפרעגט.

האָט שווייגער אַלץ געשוויגן.

און שפּעטער האָט שוין קיינער ניט געפרעגט און אַלע האָבן געשוויגן.

אַפילו די צויג האָט זיך שוין אויך איינגענומען.

האָבן די פיר מיידלעך אויך געשוויגן. די נאַקעטע בריסטן זייערע האָבן זיי ניט פאַרדעקט. דעם שמייכל זייערן האָבן זיי ניט באַהאַלטן. די בלאָע אוי-געלעך האָבן געשאָסן מיט טמימעסדיקן רייץ. שטילער ווינט האָט געווייט און איבערגעקליבן צווישן די פינגער זיינע די בלאָנדע לאָקן זייערע, און זיי האָבן געהאַט אַן אויסזען, ווי זיי וואָלטן זיך געפרישט אָן קילן ווינטל, ווי זיי

וואַלטן אומיסטן די קעפּלעך זייערע דעם ווינט אונטערגעשטעלט און ווי ס'וואָלט זיי אַף דער עמעס אנגענעם געווען די געזעלשאַפט פון צווי שווייגער.

האָט דער מיטן ברעטל-פּאָנים זיך צוגערוקט נעענטער צו זיי און אָפּגע-רוקט זיך פון זיי, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די לאָקן זייערע צווישן די פינגער איבערגעקליבן, די בעקלעך זיי געגלעט, די אויגעלעך געפּרואווט זיי פאַרמאַכן און אז ס'האָט גאָרניט געהאָלפן, האָט ער זיך אַנ'אומבאַהאָלפענער אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און זיך געבעטן:

— צו וואָס דאַרף מען פיגורן?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

7.

ס'האָט זיך געטראָפן, אז נאָכן איינטיינען און נאָך דעם, ווי דער מיטן ברעטל-פּאָנים האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט פאַרשטיין, צו וואָס מען דאַרף זיי, די פיר שטומע מיידלעך, און וואָס איז זייער אַרבעט דאָ, אַפן בוידעם, איז אזוי שטיל געוואָרן, אַז ס'איז דער כאַוועך דער זיינער, דער הילצערן-שווייגער אַנטשלאָפן געוואָרן אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אַפן ברוסט פון אַ מיידל...

האָט ער אויסגעזען ווי אַ קונצנמאַכער, וואָס גייט באַטאָג איבער די הויפן אַרום מיט זיין פּויק און קאַטערינקע און ווייזט קונצן מיט זיינע מיידלעך-טענצערינס און יעצט שלאָפט ער עס דאָ באַ איינער פון זיי, אַפן ברוסט, ביז מאָרגן פרי, ווען ער וועט ווידער זיינע קונצן ווייזן, ווען מיידלעך זיינע וועלן ווידער איבער אַספאַלטענע הויפן טאַנצן...

האָט זיך ברעטל-פּאָנים אַליין גענומען טראַכטן, צו וואָס מען דאַרף פיגורן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'האָט זיך אים, מיסטאָם, אויסגעדאַכט, אַז איינע פון די פיר מיידלעך האָט זיך אויסגעדרייט און אין ווינקל, דאָרט, וואו זיין פלייצע-זאַק איז געלעגן, אַ קוק געוואָרפן.

ס'האָט זיך אים, מיסטאָם, אויסגעדאַכט, אז ס'איז אינדערעמעסן אזוי גע-ווען, ווייל ער האָט זיך פּלוצלונג פון אָרט אויפגעריסן, דעם פלייצע-זאַק צום ליכטל געבראַכט און אַלץ פון אים אויסגעשאָטן און אָנגעשטויסן זיך, אַז זי, די מיידל, האָט געוואָלט אָנקוקן די קינדער-צאַצקע, וואָס ער האָט אין שטאָט געקויפט און זיין אינגעלע אַ מאַטאָנע פון פרעמדע ערטער געוואָלט ברענגען.

האָט ער זיך דערויף פאַרקוקט און פאַרטראַכט, וואָס דאָס איז אזוינס און פון וואַנען האָט די מיידל געוואוסט, אַז ס'איז דאָ אזוינס באַ אים אין פלייצע-זאַק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז געווען אַ געוויינלעכע קינדערשע שפּילצייג. אַ פּאַיאַצל.

פון אַ פּאַניר-ברעטל אוסגעשניטן. אַ מענטשל אזוינער איז דאָס געווען. אָן אָנגעבלאָזן בייכל אין רויטן פאַרב אויסגעפאַרבט — אַזאַ העמדל האָט ער

געטראָגן,—און צוגעניטעוועטע הענטלעך און פיסלעך האָט ער געהאַט, דירעוו-דיקע אַזעלכע, באַוועגלעכע. די פיסלעך — אין שוואַרצן לאַקיר, — שטיוועלעך אַזוינע. די דלאָניעס פון די הענטלעך — צעשפּרייטע גרייטע צום פּאַטשן. דער פּאָנים איז געווען א ברייטער און לאַכנדיקער און די גרינע אויגעלעך האָבן אונטערגעוואונקען. פון הינטן האָבן זיך געצויגן שטריקעלעך צענויפגעקניפּט אין איינס. האָט מען עס א צי געטאָן — האָבן די פיסלעך געטאַנצט, די הענטלעך געפּאַטשט און דער גרויסער מויל האָט שטום געלאַכט.

ער האָט עס צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען די וואונדער פון דעם קינדער-שפּילצייג...

האָט ער שוין קעסיידער געצויגן די שטריקל פון הינטן. האָט דער מענטשל געטאַנצט קעגן די פיר מיידלעך, קעגן שלאָפנדיקן שוויגער...

האָט פלעמל פון כיילעוו-ליכטל אומרואיקער זיך געוואָרפן אין אלע זייטן, און געדאַכט האָט זיך אים, אז די מיידלעך באַוועגן זיך, רירן זיך און קלייבן זיך אוועק א טאַנץ...

8.

ווען דער שווייגער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז דער מיטן ברעטל-פּאָנים געשטאַנען באַם בוידעם-פענסטערל און אַפן דאָרף ארויסגעקוקט.

ס'איז שטיל אין דער נאַכט אין דאָרף געווען.

פינסטערניש האָט זיך איבערגעדעקט מיט דריבנעם רעגנדל, ווי אַן אַלטע גויע מיט א שיטערער רעדנע און געפּרעפּלט עפּיס דאָרט פאַר זיך... זעלטן-זעלטן פלעגט אמאָל א בלישטש טאָן א איין איינציקער ליכטיקער טראָפּנדל, ווי א פריצייטיקער אָנזאָגער פון באַגינען און פלעגט בלאָנדזשען א ליכטיקער, ווי א גליווערימל און פאַרפאַלן ווערן אין כוישעך...

הינקענדיקע צויג איז אַף עק דאָרף ארויס און דאָרט פאַרשפּעטיקטע דורכגייער געזוכט און אָפּגעוואַרט, זיי מיט איר ניי באַקומענעם הינטישן געיאָ-מער באַגלייטן. און אז קיין דורכגייער האָבן זיך ניט געמאַכט, האָט זי זיך גלאַט אזוי געשטאָכן די פינסטערניש מיט איר לאַנגער בלישטשנדיקער נאָדל פון הינטישן פאַרגיין זיך...

דורכן בוידעם-פענסטערל האָט זיך קלאָר געזען א דערפל, וואָס ליגט אויסגעצויגן צופוסנס א באַרג, ווי אַ שוואַרצער פייגער.

דריבנער רעגנדל האָט געהאַלטן אין איין פיקן און קיין איין פונק ליכט, אויסער צאַנקנדיקס ליכטל צווישן שטומע מיידלעך, און קיין איין פיצל קלאַנג, אויסער בלישטשנדיקע נאָדל פון הינטישן פאַרגיין זיך...

איז דער שווייגער געשטאנען און געקוקט אין פלייצע דעם מענטשן מיטן ברעטל-פאנים, וואס איז צוגעפאלן צום בוידעם פענסטערל, ווי א דאָרשטיקער צום קריגל-ראנד, ווי א פארמויערטער צו דער איינציקער שפארונקעלע פון דער גרין-פארשימלטער וואנט, דורך וואנען מע קאן זעען דעם ליכטיקן דרויסן...

פיר מיידלעך זיינען נאך אלץ געשטאנען הינטערן סטריכע מיטן שמייכל אף די פונץ-ליפּעלעך. אין דער מיט האט דאס ליכטל די לעצטע טראפּנס כיילעוו צעגאסן און האט יעצט העלער, שטארקער געברענט אין שטילער גסיסע.

האט דעם שווייגער אן אומרו אנגעכאפּט. עפּעס האט געיערט בא דעם, וואס איז צום בוידעם-פענסטערל צוגעפאלן און אים איז א שרעק באפאלן. איז ער צו אים צוגעגאנגען און אים באם פּלייצע אנגערירט:

— קום שלאפן.

האט ער זיך אויסגעדרייט צו אים און מיט ברייט אויפגעעפנטע אויגן אים אנגעקוקט. האט ער אים אנגעכאפּט באם האנט, ווי ער וואלט א שוץ געזוכט:

— שלאפן ?

און אין א רעגע ארום האט ער שוין געלאכט:

— אנטקעגן פייער באדארף מען אפענע אויגן האלטן, ברודער...

און האט אים באוויזן דעם פּאיאצל זיינעם פון פּאפּיר-ברעטל, ווי וואונדערלעך יענער טאנצט אנטקעגן פייער, אנטקעגן די מיידלעך און ווי זיי, טויטע, לאכן און ווילן כאפּן א טאנץ.

האט ער זיי געגלעט:

— ווארט, ווארט, איר'ט אויך באלד טאנצן.

און דעם שווייגער האט ער איינגערוימט און באוויזן:

— זעסט, איך ציִ דאס שטריקל — טאנצט ער. טאנצט.

און דעם פּאַיאַצל :

—נו, העכער ! הויב די פיסלעך !

9.

דער שווייגער האט זיך אומבאמערקט אויסגעדרייט פון אים, פון בוידעם אראפּ. פארקראָכן אונטערן באנק, אין א קנויל זיך דארט צעגויפגעדרייט, איינגעשלאפן און אין שלאָף זיך געקלאגט:

—אָ, אָ, ס׳שלאפט זיך ניט.

און:

—צום טייוול ! ס'שלאָפט זיך ניט !

אפן בוידעם איז דער מיטן ברעטל-פּאנים געשטאנען, און דער פאיאצל זיינער האט געטאנצט קעגן פייער, און מיידלעך האט ער אויסגעשטעלט פּארווייז, איינע קעגן די צווייטע און אוועק מיט זיי א טאנץ.

10.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צוויי מענטשן זיינען געשטאנען אף דער בעהאלעדיקער גאס, אין כוישעך פון געלאטעטער מיט געלע פלעקן רעגנדיקער נאכט און האבן שטום אנגעקוקט איינער דעם צווייטן.

איינער פון זיי, דער מיטן ברעטל-פּאַנים, האָט געהאַלטן צוויי געפּאַרבטע, אפּגעריסענע פון דאָרפישע דעכער בלעכלעך מיט צוויי אויפשריפטן אָף זיי:

„סאַלאַמאַנדראַ".

„פעניקס".

האָט דער, וואָס האָט געהאַלטן די בלעכלעך, קעסיידער געטרייבערט דעם כאָוועך זיינעם פאַר די לאַצן:

— וואָס איז סאַלאַמאַנדרע?

— וואָס איז פעניקס?

רעגנדיקע נאַכט האָט פאַרן אנקומען פון טאָג אויפגעוואַכט אין אַ בייזע פּריצייטיקע אויפוואַכעניש, און געשפּיגן זיך מיט רויטע האַלעוועשקעס אין די שיטערע, נאַסע בלאַטעס אריין.

צוויי שטרויענע דעכער האָבן געבערענט פוןביידע זייטן גאַס און געצויגן די געלע צינגער זייערע איינע צו די צווייטע און געוויקלט זיך איינע בא די אַנדערע, אין די רויכיקע לײלעכער זייערע.

דערשראָקענע באַשעפּעניש, פון לעכער אַרויסגעקראַכענע, פון אונטער בענק, פון בוידעמס, פון וואַרימע בייסיקע געלעגערס, זיינען געלאָפן און גע-איילט און געפילדערט.

האָט די צויג, וואָס איז אָפן צווייטן עק דאָרף אָף שמירע געשטאַנען און מיט איר נאָדל-וואַיערײ דעם דאָרף אין שלאָף פאַרוויגט, נאָך שניידנדיקער, זיך פאַנאַנדערגעוואַיעט און געדאַכט האָט זיך, אַז אויפגערודערטע מענטשן שרייען זיך איבער מיטן הונט אין דער רעגנדיקער נאַכט און קאָנען זיך ניט דערלאַנגען איינער צום צווייטן.

און ברעטל-פּאַנים האָט אַלץ געמאָנט:

— וואָס איז סאַלאַמאַנדרע?

— וואָס באַדייט פעניקס?

אומעטיקע ווינטן האָבן געוואָיעט צוזאַמען מיט דער צויג, צוזאַמען מיט איבערגעשראָקענע מענטשן, צום פייער זיך געצויגן, און דעם מענטשנס טיינע איבערן דאָרף צעטראָגן:

— וואָס איז ס א ל א מ א נ ד ר ע?

— וואָס איז פ ע נ י ק ס?

און ווי ווינט האָט צוריקגעבראַכט עמיצנס ענטפער:

— בלעכלעך היטן פון פייער. אַ שוץ אַזאַ.

האָט דער מיטן ברעטל פּאָנים איבערגעכאַזערט:

— בלעכלעך היטן פון פייער? אַ שוץ אַזאַ?...

און אַ סאַך מאָל איבערגעכאַזערט:

— סאַלאַמאַנדרע... פעניקס...

און זיך דערמאָנט:

— וואָס איז פיגורן?

אומעטיקער ווינט האָט קיינעם קיין שלעכץ גאָרניט געמיינט. אומעטיקער ווינט האָט מיט זיינע פליגלען פֿי'ער געטריבן און איבערגעטריבן פון איין דאַך צום צווייטן, פון איין בוידעם צום אַנדערן און צו וואָיעדיקער צויג זיך דערלאַנגט און דאָרט, מיט איר, אין איין טאָן זיין יאָמער געצויגן.

און מענטש מיטן ברעטל-פּאָנים האָט געהאַט צו טאָן מיט דאָס זייניקע:

סאַלאַמאַנדרע.

פעניקס.

און זיך ווידעראַמאָל דערמאָנט:

זיינע פיגורן האָבן דאָך דעם טאַנץ זייערן ניט פאַרענדיקט.

11.

צווי מענטשן זיינען געגאַנגען פון דאָרף אַרויס.

צווי מענטשן זיינען אינגאַנצן מיט זיך געווען פאַרנומען. יעדער מיט דאָס זייניקע: שווייגער האָט שטומערהייט, פאַר זיך אַליין, זיך געקלאָגט:

— ס'שלאָפט זיך ניט.

ברעטל-פּאָנים האָט געטראַכט:

— פאַרוואָס ווייס איך דאָס נאָך אַלץ ניט, וואָס פיגורן זיינען און צו האָבן זיי דאָס טאַקע אַף דערעמעסן געטאַנצט, אָדער דאָס האָב איך אַליין יעדער מאָל זיי איבערגעשטעלט?...

12.

דערפל איז צופוסנס אַ באַרג געלעגן. מיט איין עק איז דאָס אַפן באַרג געקראָכן. האָט עס אין רעגנדיקער שוואַרצער נאַכט אויסגעזעען, ווי אַ קרומע לאַכנדיקע מויל מיט העלישע ציין אין אַ בלוט-רויטן ליפּן-רעמל.

13.

הינטערן דאָרף זיינען געזעסן, די קניען אונטערגעבויגן אונטער זיך דרייען: דער שווייגער, דער ברעטל-פּאָנים און די צויג.

דער מיטן ברעטל-פּאָנים האָט די בלעכלעך שוין לאַנג פאַרוואָרפן.

דאָרט אין ברענענדיקן דאָרף זיינען די פיגורן פאַרבליבן—האָט ער אַלעמען אַהינצו מיט די פינגער געוויזן. די צויג האָט ניט געוואָלט קוקן, האָט ער זי פאַר די אויערן געשלעפּט און דעם קאָפּ אירן צום דערפל אויסגעדרייט — אַפן דערפל געוויזן:

— פיגורן.

ער האָט פון בוזים זיין פּאַיאַצל דערלאַנגט און אים אויך געוויזן. און דאָס שטריקל פון הינטן געצויגן. האָט ער געטאַנצט, דער לעצל זיינער, קעגן סאַרפנדיקן דאָרף און געמאַכט זיינע ווילדע שטיק און ער האָט אים קעסיידער געמונטערט:

— פיגורן... פיגורן...

און דער שווייגער האָט זיין דרעמלדיקן קאָפּ אין די קני געהאַלטן, גע־שלאָפן, נאָר קעסיידער זיך געקלאָגט:

— ס׳שלאָפט זיך ניט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַף די רויטע ליילעכער, וואָס האָבן זיך אין דאָרף צעוויקלט זיינען שוואַרצע ברויאים אַרומגעקראָכן. זיי האָבן אויסגעזעען ווי וואַנצן, ווען מע רייניקט זיי. פּונקט אזוי האָבן זיי פּויזנדיק געאײַלט.

14.

באַגינען, אין איין צייט, ווי ס׳האָט זיך אַפן מיזרעך־ראַנד, פון גרויען טוי און ראָזעווע סטענגעס א רויטע זון אויסגעוויקלט, האָט זיך, ווי א הינדל פון אַנאָנגעזעסענער איי, באַם שווייגער אַ נייס אויסגעפּיקט.

האָט ער, צו פאַרקניפּן אָט דאָס נייס הינטערן רויכנדיקן דאָרף, זיצנדיק, דעם קאָפּ אין די קניען פאַרוקט און שטיל איינגעכאַזערט:

— פיגורן. פיגורן.

און דערטראַכט ביזן סאָף:

— אַלץ איז פיגורן...

האָט ער געזוכט דעם מיטן ברעטל־פּאָנים, אים דעם נייס דערציילן, האָט ער אים אין ערגעץ ניט געטראָפן און פאַרשטאַנען, אז אזא איינער, מיט א ברעטל־פּאָנים, איז גאָר קיינמאָל אַף דער וועלט ניט געווען, און פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ער אַליין ביידע זאַכן: דער ברעטל־פּאָנים און שטומער שווייגער, ער אַליין האָט דאָס אַלץ אָפּגעטאָן אין דער פאַרשוואונדענער נאַכט.

האָט ער געזוכט די צויג, איז יענע אויך ניט געווען. פון פאַרשאָטענעם דערפל האָבן נאָר בלויע רויכלעך זיך געצויגן, פון הינטער די בערגלעך מיסט זיינען ברויאים געקראָכן, גראָע, ווי ווערים. האָבן זיי, דרייענדיק זיך, און פייער אויסמיידנדיק הינטערן דאָרף זיך צוזאַמענגעקראָכן און צוזאַמענגעקלעפּט זיך אין איין קנויל, אין איין גרויער מאַכנע.

האָט ער ווידער געפונען דעם מיטן ברעטל־פּאָנים.

דער ערשטער אין ריי איז ער געשטאַנען...

איז, אז ער האָט אים שוין געוואָלט דערציילן דאָס נייס, וואָס האָט זיך באַ אים נאָך דער נאַכט אויסגעפּיקט, האָט ער הינטער אים דערזעען נאָך איינעם אזא, און נאָך איינעם, און נאָך און אַלע, אַלע זיינען געווען מיט אַזעלכע ברעטלעך־פּענימער...

האָט ער ווידער פאַרלאָרן דעם כאַוער זיינעם.

האָט ער ניט געוואוסט, וועמען דאָס נייס דערציילן: אלע זיינען געווען אזוינע, ווי ער און ווי דער ערשטער אין דער ריי...

און דאָ האָט ער דאָס ערשט פאַרשטאַנען דעם עמעסן סאָד...

און דאָ האָט ער דאָס ערשט אָפּדערעמעסן דערזעען און פאַר שרעק און אַנגסט, ווי א וואָרים זיך צענויפגעדרייט:

— אלע זיינען פיגורן, אלע...

האָט ער שווייגעריש נאָכגעקוקט די קריכנדיקע מאַכנע און באַ זיך אין מויעך אַלץ געקנייטשט:

— פיגורן. פיגורן.

און אז ס'איז צו אים צוגעגאַנגען אזא איינער און האָט אים אַפן דערפל אָנגעוויזן: — „זעסט?" — האָט ער זיך ניט געפרייט און ניט געגלויבט יענעם, אז אלע ברעטלעך-פּענימער ווייסן שוין, וואָס באַנאַכט איז געשען און ווער דאָס האָט אויפגעטאָן;

— עמיצער האָט די שטריקעלע פון הינטן אַ צי געטאָן, רימט זיך דער כאַוער זיינער, מיט פיגורן פון וועלכע ער ווייס ניט, וואָס זיי באַטייטן...

נאָר ווען דער יענער איינער האָט אים איינגערוימט:

„וואַרט, מירן זיך צונויפריידן, וועלן מיר נאָך ניט אַזעלכע קונצן ווייזן..." איז ער אַ טראָפּעלע פרייגטלעכער צום כאַווער זיינעם געוואָרן, פאַרטרוילעכער אים אין די גראָע אויגן געקוקט און ביידע האָבן זיי קרום און לעפיש אונטער-געשמייכלט...

יאָ. ברעטלעך-פּענימער קאָנען ניט שמייכלען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

קיין רעגן איז מער ניט געווען. דער הימל איז געווען הויך-הויך איבער זיי, טיף אין זיין בלויקייט. זון האָט זיך ערשט געגרייט אַפן ברייטן שעטעך ארויס און האַלבע ערד באַשיינען.

זיינען מענטשן געגאַנגען און געטראָגן אין די הערצער זייער ניי אַנט-דעקטן סאָד, אָנשטאָט שטרויעלעך און פיצלעך אונטערן באַנק, און זיינען גרייט געווען די גאַנצע שניידנדיקע ליכט פון קומענדיקן טאָג אַף די לעפּישע ברעט-לעך-פּענימער זייערע אויפנעמען.

— — — — —

# לידער פון גרוב

.1

אַלע טאָג, פֿאַרנאַכט, שפּייט מענטשן די פֿאַרשטויבטע שטאָט דורך טיר און טויער אַרויס אין די גאַסן אַריין, אַף די פּלעצער און סקווערן.

קאַבצנדיקע שטאָט מיט אָפּגעקראָכענע, גראָע ווענט, ווי אַ פֿאַרפּלאָנטע־טער אין שמאַטעס, געפֿאַלענער לייט, וואָס האָט אין שיקערע אויסגעלאַסענע נעכט אַלץ פֿון זיך פֿאַרהוליעט און פֿאַרשפּילט, ליגט געשוואָלן און פֿאַרכאַלעשט...

בערגלעך מיסט רויכערן זיך אין אירע שטיינערנע קאַנאַלן, אַט אַזוי רואיק, אָט אַזוי שטיל, אָט אַזוי געלאַסן און פֿויל, ווי אַלטע טוישווים־קאַליקעס אַף אײַנגעזעסענע ערטער, געבאָרענע דאָ, מיט יערושע־רעכט אַף כורוועס.

און אַז עס טרעפֿט שוין אַמאָל אַזאַ גליקלעכע רעגע און עס שײַנט אַראָפּ אין אַ פֿרילינג־טאָג, אַמאָל, די זון, ווערט ערשט רעכט אָפּגעדעקט שטאָט. קריכן ווערים אַרויס פֿון די בערגלעך מיסט ניט צוגעדרימטע, ווער ווייסט פֿון ווען, און גלאַנצן מיט זייערע לאַנגע, פֿײַכטע שנירלעך־קערפּערס און דרייען זיך הין און הער און וואַרימען זיך, און ציען זיך לאַנג און לענגער נאָך, — צו דער זון — פֿײַכטע, גליטשיקע מיסט־ווערים.

מיסט־ווערים האָבן ליכט פֿאַרכאַפּט.

מיסט־ווערים זײַנען היינט אײַנציקע הערשער איבער ערד פֿאַראָוולטער.

מיסט־ווערים זײַנען רואיק.

עס פֿעלט דען ווערים־שפּייז אין דער צעבראָכענער שטאָט?

עס האָט דען עמיץ אַנדערש לוסט אַף אָפּפֿאַלעכץ און צעפֿוילטן בלוט און פֿלייש?

אַז מענטשן כאַפּן זיך פֿאַרוואָרלאָזטע און עלנדע אין צעגראָבענער מיט אייגענע הענט שטאָט, ווערן זיי נישטיקער פֿון ווערים און די מעמשאָלע גייט צו זיי, צו ווערים איבער, און מענטשן ווערן שרעקנדיק. און נאָר פֿאַרנאַכט, פֿון גראָען, טונקעלן ליכט באַשיצטע, גאַנוועגען זיי זיך אַרויס דורך טיר און טויער, אין די גאַסן אַריין און אַף די פּלעצער, אין די סקווערן אַריין, אין שאָטן, אין שאָטן פֿאַרבאַהאַלטן זיך און דעם אָטעם אָפּכאַפּן.

---

אין אַ מיטן שטילן פֿרימאָרגן איז מענדל מוליער געבליבן אַליין.

מיט אַמאָל האָט זיך עס די וועלט פון אים, פון מענדל מוליער, געגעבן א טייל אָפּ, געמאַכט דריי שפּאַן אהינטער און געבליבן אָפּגעזונדערט.

מענדל מוליער — איינס.

די וועלט — באַזונדער, א צווייטס.

זיינען זיי געבליבן שטיין אזוי באַזונדער, איינע אנטקעגן די אנדערע: מענדל מוליער און די וועלט. ווער ווייסט ווען וועמען בייקומען...

ערשט נעכטן באַנאַכט נאָך איז מענדל מוליער און די וועלט געווען איינס. און היינט אינדערפרי איז דאס שוין באַזונדער. ווי א ברויזנדער יאַם א דערטרונקענעם, אזוי האָט די וועלט מענדל מוליער ארויסגעשפּיגן אַפן ברעג און אים געלאָזט ליגן אליין. עפּעס איינער אזא מענטשל פון א אידישן שטעטל, וואָס האָט אין שטעט גרויסע שטאָקן זעקסטע און זיבעטע געלייגט איז היינט פון אלעמען אָפּגעשטויסן געוואָרן און פאַרוואָרפן אַף אייגענער באַראָט.

ערשט נעכטן באַנאַכט נאָך, אין גוס-רעגן, אַן אויסגעווייקטער מיט פאַר-גליוועטן מאַרך אין די ביינער האָט מענדל מוליער אין היגן דערפל אין א לויכטנדיקן פענסטערל געקלאַפּט:

— לאָזט אריין איבערנעכטיקן.

ערשט נעכטן באַנאַכט נאָך האָט א פויל-ברוסטיקע שיקסלקע די טיר געעפנט און מענדל מוליער אין שטוב ארייגעלאָזט, אין שטוב, אָנגעשטאָפּטער פול מיט אזוינע ווי ער, ווי מענדל מוליער, גראָע מענטשן אזעלכע מיט שוואַרצע פּענימער, ווי זיי וואָלטן אקאָרשט פון בלאָטע ארויסגעקראָכן. ערשט נעכטן באַנאַכט האָבן דאָך אים אָט די מענטשן, כאַווייִרים, ברידער, קאָלעגן פון איין פינסטערן לעגיאָן אזא, אין מיטן, צו זיך, אַפן שטרוי, אַפן דיל גענו-מען, מיט קאַרטאָפל אָנגעצערט און אויסגעפרעגט זיך באַ אים, פון וועלכער ראָטע, פון וועלכן פּאָלק, אין וועלכע פייערן געווען און וואוהין גייט דאס איצט אזא איינער, אליין, אין שלאַקס-רעגן, אליין, מיט גוטן ווילן. ווען אלע זיצן אין שטיבער און עסן הייסע קאַרטאָפל און קיינער טרייבט ניט.

ערשט נעכטן באַנאַכט האָט דאָך מענדל מוליער דאָס פייפל זיינס פון פּלייצע-זאַק דערלאַנגט און נאָכן קאַרטאָפל עסן זיי, די קאָלעגן זיינע, ניגונים געשפּילט...

ערשט נעכטן באַנאַכט איז דאָך דאָס אַראָפּגעקראָכן פון אויוון דער אַל-טער גויטשיקל מיטן הוילן שאַרבן און ווייסן באָרד, קוים-קוים אַפן גרויסן שטעקן אָנשפּאַרנדיק זיך צו מענדלען צו, מיט די ווייסע בעלמעס געפינטלט און אַרויסגעשטאַמלט:

— גוט שפּילסטו... אין דער טערקישער קריג האָב איך אזוינס געהערט. טערקן שפּילן אַזעלכע ניגונים...

און שפּעטער, אז מענטשן מיט שוואַרצע פּענימער און צעריסענע פון קראַצן זיך ברוסטן האָט פּלוצלונג דער אומעט, ווי א נאַגנדיקע שלאַנג, אַרומ-

געכאַפּט און ס'איז זיי שווער געוואָרן אומעטיקע טערקישע ניגונים צו פֿאַר־טראָגן, האָט ער דאָך זיי „באַריניאַ" געשפּילט:

— באַריניאַ, באַ-אַ-אַ-ריניאַ, סודאַריניאַ, דאַ-אַ-אַ-ריניאַ.

און פולברוסטיקע שיקסע האָט כאַוועדטעס געבראַכט. יונגע פּענימער זיינען צעהיצט געוואָרן, לייבער האָבן געשוויסיקט און געגאַרט, און קערפּערס האָבן זיך געפלאָכטן אין הייסן טאַנץ.

— באַריניאַ, באַריניאַ, סודאַריניאַ, דאַ-אַ-אַ-ריניאַ...

און שפּעטער, אז כאַוועדטעס זיינען זיך צעגאַנגען און מענטשן מיט שוואַרצע פּענימער און צעקראַצטע ברוסטן זיינען אַנידערגעפאַלן כראָפּנדיקע אַפן ביסל שטרוי, אַפן דיל, האָט זיך דאָס פולברוסטיקע שיקסעלע צו אים צוגערוקט און אַלץ אים ארייַנגעטאיַנעט:

— גוט שפּילסטו... בלייב... איך וועל דיך באַהאַלטן. איך האָב אַן ערטל אזא...

און האָט זיך אזוי וואַרים צוגעטוליעט צו אים און געעטעמט אַף אים מיטן היץ פון איר לייב און מיטן רייך פון אירע פולע סאַמעט-גלאַטע ברוסטן:

— בלייב...

ערשט נעכטן איז מענדל מוליער און וועלט אייגנס געוועזן, און היינט פרי האָט וועלט דריי שפּאַן אהינטער געמאַכט און איר אנגריף אַף מענדל מוליער אָנגעהויבן.

ווער וועט וועמען בייקומען.

היינט פרי, ווען אַלע האָבן נאָך געכראַפּעט, האָט די געדיכטע שטילקייט פון דאָרפס-שטיבל א ווילדער קוויטש פון פולברוסטיקער שיקסע צעריסן און אַלע זיינען אויפגעשפּרונגען.

היינט פרי האָט שיקסלקע געיאָמערט:

— ער...

— ער...

— ער איז ווייס, ווי א ליין.

היינט פרי, באַ לויטערער ליכט פון פריען זומער-באַגינען, האָבן אים מענטשן מיט שוואַרצע פּענימער און אויסגעלאָשענע בליקן, מיט שרעק און באַהאַלטענער קינע אָנגעקוקט:

— ער איז ווייס, ווי א ליין.

היינט פרי האָט מען אים אַרומגעטאַפּט און א פּאַפּירל, אזא וואונדער־לעכן, בא אים געפונען: „מענדל יאָסעלעוויטש ווערט אינגאַנצן און אַף שטענ־דיק באַפרייט פון מיליטער-דינסט, לויט אָט יענעם פּאַראַגראַף, ווי א פּסיכיש־קראַנקער".

היינט פרי האָט מענדל מוליער לאַנג געקוקט אין פּאַראָסטעטן שפּיגעלע אַפן וואַנט אין דאָרפס-שטיבל און דערזעען דאָרט א ווילד-צעשויבערטן ווייסן קאָפּ מיט א פּאָר ברענענדיקע שוואַרצע, יונגע אויגן און אים ניט דערקאַנט: ניט

זיינער, ניט מענדל מוליערס קאָפּ איז דאָס. עמיצער האָט זי אים צוגעגאַנוועט דאָרטן, אין פרעמדן לאַנד, אין גאַליציען, בא דער עסטרייכישער פעסטונג, בא פּערעמישל, צוגעגאַנוועט זיין געקרויזטן, שוואַרצן קאָפּ און א פרעמדן, א ווייסן אים אַף די פּלייצעס אָנגעטאָן...

היינט פרי האָט דאָס די פּולברוסטיקע שיקסלקע אזוי ווילד געיאָמערט אַף איר קאָפּ און אַף איר אומגליקלעכן מיידלשן מאַזל...

היינט פרי האָבן דאָס שיקסלקעס כאַווערטעס אין שטוב און הינטער פענסטער זיך צונויפגעקליבן און זיך בייז גערייצט:

— א משוגענעם באַשעפעניש וועט זי האָבן...

— א ווילדע קליפּע...

— א ניעכריסט מיט גרינע הערנער...

ערשט נעכטן באַנאַכט איז מענדל מוליער און וועלט — איינס געווען.

און שוין היינט פרי שטייט מענדל מוליער א צעמישטער, אליין קעגן א גאַנצער וועלט און ווייס ניט, וואָס צו טאָן, און ווייס ניט, ווי איבערבעטן זיך מיט איר, מיט דער אָפּגעטראָטענער אַף הינטן, אַף דריי שפּאַן וועלט.

טראָפּן פרייד, וואָס מענדל מוליער האָט באַנאַכט בא שיקסע איבערגע-לאָזן, האָט זיך אין שיקסעס געדערים צערונען און ניט געוואָרן. שיקסע איז צום טייך אַנטלאָפן און כאַווערטעס האָבן איר בייז נאָכגעשריען:

— א משוגענעם באַשעפעניש וועט זי האָבן...

— א ווילדע קליפּע...

— א ניעכריסט מיט גרינע הערנער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אלע טאָג, פּאַרנאַכט, אונטערן שוק פון גראָען ליכט, גייען מענטשן אין די גאַסן ארויס, דעם ייעש-שטויב פון צעבראָכענער שטאָט אָפּשיטן, דעם איינ-זאַם-ווײ צערייסן, דעם ברודער-מענטש דערפילן און מיט שטומען בליק זיך גריסן און איינער דעם צווייטן טרייסטן:

— א-א-א-א, ווי זשע לעבט איר?

— און איר וואָס מאַכט?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

.2

מענדל מוליער האָט אלטן גויטשיקל פון אויוון, פון דערפל, פון מעוואַול-וועלער צעמישטקייט פון ווייטאַק איבער דערטרונקענער טאָכטער, מיט טערקישע ניגונים פון זיין פייפל ארויסגעגאָרט און אין צעפאַלענער שטאָט געבראַכט.

מענדל מוליער האָט זיך אין שטאָט מיטן אלטן גויטשיקל באַזעצט, אין שטאָט, אין איינעם פון אירע פאַרשאָטענע קעלערן.

מענדל מוליער האָט קעלניע און מוליער-האַמערל אויסגעזוכט, אַף גאַרטל צו זיך עס אָנגעבונדן, פייפל הינטערן פלייצע פאַרוואָרפן און גרייט געמאַכט זיך דער וועלט א מילכאָמע דערקלערן:

— גיי ארויס, וועלט, מיט אָפּגעשטויסענעם מענדל מוליער א גערא̇נגל פירן.

ווער וועט וועמען בייקומען.

---

האַרציק שטיל, סוידעספּול, האָט אין א קעלער פון צעפאַלענער שטאָט א הייסער געשפּרעך זיך געפלאָכטן:

— זיך, טאַטעלע, דאָ איז א קאַסטן.

— ביסטו אליין דאָ?

— אליין.

— און וואו איז לענקע, וואו איז לענקע, טאָכטער מיינע וואו האָסטו היינגעטאָן?

— איך ווייס ניט.

— הייליקע מוטער!

— טאַטעלע! נעם מיין פייפל, טאַפּ זי אָן, גלויב אין מיר.

— הייליק... הייליק... זאָל זיין געבענטשט...

— פייפעלע, פייפעלע, ווייז די קונץ.

— זאָל זיין געבענטשט... איך בין בלינד. אָפּצונאַרן מיר איז לייכט: אַלץ אין איין פאַרב. שוואַרץ... און געדיכט... דערצייל מיר, ווער ביסטו און צי קאָן איך גיין מיט דיר.

— איך בין יונג, טאַטעלע, און מיין קאָפּ איז גראָ און א פייפל האָב איך אָט א וואונדערלעכע.

— הייליק... הייליק... יונגע לייט קאָנען דען גראָ זיין?

— ביסט בלינד, טאַטעלע, ווייסטו גאָרניט. ווי לאַנג ביסטו בלינד?

— ווי לאַנג? ווער געדענקט דען. צען יאָר. און עפּשער מער. איך בין דען מיט אמאָל בלינד געוואָרן? עס האָבן אויגן מיינע ביסלעכווייז זייער ליכט פאַרלאָרן. אָט, ווי א טאָג פאַרגייט. ס'ווערט אַלץ פינסטערער און פינסטערער און דו באַמערקסט עס גאָרניט. און ערשט שפּעטער, נאַכט-צו, כאַפּסטו זיך מיט אמאָל און מיט שרעק: „ס'איז שוין נאַכט"... אזוי האָב איך, מיט א שטיק צייט צוריק, זיך א כאַפּ געטאָן: „ס'איז שוין נאַכט". דערצייל מיר ווער ביסטו.

— אַ מענטש מיט א פרעמדן קאָפּ, טאַטעלע.

— א מענטש מיט א פרעמדן קאָפּ, וואָס באַטייט?

— וואָס באַטייט, וואָס באַטייט, אַלטער הונט. וועסט עס וויסן, האָב צייט.

— ניט גוטער, ניט גוטער, וואו האָסטו מיין לענקע אומגעבראַכט, מיין לענקע, מיין טאָכטער. הייליקע מוטער! הייליקע מוטער!

— אַלטינקער טאַטעלע, בלייב שטיל. בלייב מיט מיר. לענקע וועט צו-ריק ניט קומען. לענקע האָט אויסגעגאַרט באַ מיר מיין טראָפּן פרייד, איבער יונגע געדערים אירע עס פאַרזייט און אַוועק דערמיט, אַוועק אַף גרונט פון בלויען טייך. אַוועק צו שוועסטער אירע, וואַסער-מיידלעך. בלייב מיט מיר. קום,

לאַמיר אַף וועלט מיט קעלניע און האַמער גיין, מיט פייפל, מיט פייפל. מיט מיר איז גוט, מיט וואונדערלעכן פייפל מיינעם, מיט פרעמדן קאַפּ.

— גיי אַליין.

— איך בין בלינד.

— ס׳איז ליגן. איך בין בלינד. דו האָסט זעענדיקע אויגן.

— זעענדיקע אויגן, טאַטעלע, האָבן צופיל וועגן פאַר זיך, ווייסן זיי ניט, וועלכע אויסצוקלייבן. קום, דו וועסט מיר וועג דערטאַפּן.

— הייליקע מוטער...

— וואָלסטו אויגן זעענדיקע געהאַט, טאַטעלע, וואָלסטו מיר געגלויבט. אַלץ איז גראָ געוואָרן. קעפּ זיינען גראָ, און וועגט זיינען גראָ, און אויגן דיינע זיינען גראָ, גאָר די וועלט, א גראָע און פייכטע שטייט אַנטקעגן מיר און וויל מיר אויפרעסן. קום מיט מיר, טאַטעלע.

— ווען איז דאָס אַלץ אזוי גראָ געוואָרן?

— ווען? ווען? ווער געדענקט דען, וויפיל איך בין אין גרוב געלעגן, אין גרוב פאַרשטויסן און פאַרשאָטן, און לעבעדיקערהייט באַגראָבן, און גע-שטיקט זיך, און געוואָלט שלאָפן, און מוירע געהאַט פאַרן טויט, וואָס האָט פון יענער זייט גרוב אַף מיר געלאקערט, און געוואוסט און מוירע געהאַט פאַרן טויט, וואָס האָט אין גרוב צו מיר זיך פאַרגאַנוועט און מיך געשטיקט. איך געדענק, איך געדענק, מיט די נעגל און מיט די ציין האָב איך די ערד גע-גראָבן און אַרויס געוואָלט און מוירע געהאַט פאַרן טויט, וואָס איז איבערן גרוב, ווי א הונט אַפן קייט, געלעגן און אָפּגעהיט דעם אַרויסגאַנג און מיך פון גרוב ניט ארויסגעלאָזט. אומעטום איז טויט געווען. אומעטום זיינען גראָע קעפּ געלעגן. אַ פולע גרוב מיט גראָע קעפּ. האָט איינער דעם שוואַרצן קאָפּ מיינעם בא מיר צוגעגאַנוועט און אוועק מיט אים, מיט שוואַרצע קעפּ האָט מען פון גרוב ניט אַרויסגעלאָזט און מיר דעם גראָען קאָפּ אָנגעטאָן, מיט גראָע קעפּ האָט מען פון גרוב אַרויסגעלאָזט און איך בין ארויס פון גרוב...

— פון מילכאָמע גייסטו?

— פון שפּיגעלע מיט גרויען קאָפּ.

און פלוצלונג, מיט גאַנצן שווערן קערפּער, פאַלט מענדל מוליער אַפן גויטשיקל אַרויף און שטיקט אים:

— וואַרט, וואַרט, טאַטעלע. דאָס ליד פון גרוב וועל איך דיר שפּילן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי ווייניק אָרט איז עס אין קעלער געווען—ניט אויסצודרייען זיך. מער, ווי אַ האַלבע ערד איז עס, אָט דער ווייניקער אָרט, פאַר מענדל מוליער גע-ווען, האָט ער זיך אַוועקגעדרייט מיט פייפל אין מויל אין ווילדן טאַנץ, אַוועק-געדרייט זיך און אַף אַלטנקן ווידער אַרויפגעפאַלן, אים טיף אין באַק איינ-געביסן און איינגעבעטן זיך בא אים:

— דו וועסט גיין מיט מיר, איאָ, טאַטעלע!

.3

פֿאַראַן אין צעפּאַלענער שטאָט אַ פּלאַץ פֿון „אַלערהײליקע".

געבליבן אין צעפּאַלענער שטאָט אַ גרינע וואַנט. אַ באַשיצערן אַזאַ אין אַלטע צײַטן פֿון סאָנים געווען.

צום וואַנט שטײט צוגעשפּאַרט אַ שטײנער-באַבע. אין הינטערגרונט — ברוינע ציגל מיט גרינעם שימל איבערגעפּלאָכטן. קוקט די וואַנט מיט בלינדע אויגן, שטומערהײט, מיט פֿאַרגליווערטן, טויטן, אין זיך דערשטיקטן און אײַנגעקנאָטענעם געשרײ פֿון דוירעס. שטײן-באַבע מיט צונויפֿגעגאָסענע גלידער שטײט מיט הענט אַראָפּגעלאָזטע, אין שטײן פֿאַרלאָרענע, ווי אַן אויסגעוועלגערטע, אין אײן שטיק צונויפֿגעגאָסענע און אַזוי אַף אײביק פֿאַרבליבענע, שטײנעריש פֿאַרהאַרטעוועטע.

אַנטקעגנאיבער ליגט אַ געדטל. צעדרײטע אײזנס פֿון גאָרטן-צוים פּלאָנטערן זיך איבערן ברוק-שטײן אין גאַס אַרײַן, פֿאַרקראָכענע און פֿאַרלאָזענע, ווי אויסגעטרײבערטע אָדערן פֿון אַ פּײגער. ליגט סקווער קעגנאיבער, מיט שיטערן גראָז אין זאַמד פֿאַרלאָרענעם, ווי האָר אַף אַן אומרײנעם קאָפּ, צווישן וואונדן און פּליכעס.

און אַלע פֿאַרנאַכט...

אַהער קריכן דאָס מענטשן פֿון טיר און טויער אַרויסגעשפּיגענע...

צופֿוסנס פֿון שטײנערנעם גוילעם, דעם גראָען קאָפּ אין פֿאַלד פֿון שטײנער-פּיס פֿאַרשטעקט, זיצט מענדל מוליער. באַם זײַט — דער אַלטער בלינדער מיטן הוילן שאַרבן, מיטן פֿאַרטריקנטן ביס אַפּן באַק, מיטן אויסגערונענעם שטראַלן-קוואַל, מיטן היטל אין שויס.

ווערט סקווער און גאַס און פּלאַץ פֿון „אַלערהײליקע" מיטן שאַלן פֿון אַ פּײפּל אין אַ צעדרײטן מויל פֿאַרפּלײצט און פֿאַרגאָסן. ציען קינדער זיך צום אַלטן בלינדן, צום יונגן גראָען. קריכן נאָך עלטערע נאָך זײ, קלעפּן זיך אָן זײַנע לידער, אן די רופֿן פֿון זײַן פּײפּל און פֿאַרגעסן זיך און פֿאַרגאַפּן זיך און ווערן דורכגענומען און בלײַבן צוגעשמידט און פֿאַרשטײנערט. קלעפּן זיך אָן זײ אַנדערע, נאָך און נאָך, און עס וואַקסט אַף פּלאַץ דער מענטשן-קנויל. זאַמלען זיך אַלע גײענדיקע, אַלע אַרויסגעשפּיגענע, צום וואַנט אַהער, צום גוילעם צו, צום בלינדן, צו דער פּײפּל.

הויבן קעפּ איבער קעפּ זיך אַריבער, שטעלן זיך מענטשן אַף שפּיץ פֿינגער און שפּיכן אויס, און כאַפּן אויף יעדן בויג פֿון יעדן קלאַנג, יעדן קרעכץ פֿון זײַנע לידער, יעדן בליק פֿון יונגע אויגן אין אַ גראָען קאָפּ אַרײַנגעזועצט.

קלײַבט מענדל מוליער אַלע בליקן זײערע צונויף, זאַמלט ער זײער גאַנצן ווידער אָנגעוואַרימטן עקסטאַז, וואַרימט עס און וואַרימט, וואַרימט עס און שמידט מיט דינע, שאַרפֿע נאָדל-קלאַנגען, העל-בלישטשענדיקע אין דער

גראָקייט פון צעפּאַלענער שטאָט און וואַרפט די פייפל און רייסט זיך ראָש פון דער ערד אויף און הויבט דעם בלינדן פאַר די פּלייצעס און רופט:

— קום, טאַטע.

רופט אַלטער מיט ציטער:

— קומט, ווער ס'וויל אַ שיינע ליד הערן.

טראָגט זיך פאַרויס אָן אָנגעבראָכן, אַלט קאָל:

— ס'שפּילט זיך „די ליד פון גרוב".

הויבט זיך אָן די שפּיל:

— ווּעסטו גיין מיט מיר, וואוהין איך וועל דיך פירן?

— יאָ. כ'וועל גיין.

— ווייסטו, וואוהין איך וועל דיך פירן?

— ניין. כ'ווייס נים.

— כ'וועל דיך פירן פון שטאָט אַרויס.

— פאַרוואָס פון שטאָט אַרויס?

— שטאָט איז אָפּגעסאַמט!

— שטאָט איז אָפּגעסאַמט, אָ-וואַ-וואַ, שטאָט איז אָפּגעסאַמט, אָ-וואַ-וואַ, אָ-וואַ-וואַ, שיט זיך אַש אַף די קעפּ, שטאָט איז אָפּגעסאַמט!

— ניין, ניט אַש! אונטער ליד קום מיט מיר פון שטאָט אַרויס!

— פון שטאָט אַרויס? ס'איז שווער, ס'איז שווער, איך בין אַלט און בלינד, ס'איז מיר שווער.

— אונטער שפּיל און טאַנץ איז לייכט. אונטער שפּיל, מיט ליד בין איך צו גרוב געגאַנגען, אין גרוב פאַרקראָכן, אונטער דער ערד געווען און שוואַרצן קאָפּ אַף גראָען אויסגעביטן דאָרט.

— ווער וועט נאָך מיט אונז גיין?

— אַלע.

— אַלע בלייבן דאָ, אַלע גייען צו זיך אַהיים.

— אַלע גייען נאָר מיט אונז. אינדערהיים ליגן מייסים. אינדערהיים שטייט פאַר יעדערן אַן אָרן אָנגעגרייט און וואַרט אַף אים. שטאָט איז אָפּ-געסאַמט.

— אָ-וואַ, שטאָט איז אָפּגעסאַמט. שיט זיך אַש אַף די קעפּ, אָ-וואַ, שטאָט איז אָפּגעסאַמט.

— שטאָט איז אָפּגעסאַמט, וועלן מיר אויסער שטאָט און אויסער וועלט אַ נייע שטאָט אויסבויען.

— וואו וועלן מיר ציגל נעמען?

— איך וועל שפּילן, איר וועט זינגען. וועלן מיר שפּילנדיק און זינגענ-דיק ליים אויסגראָבן, ציגל קנעטן.

— און אַז ציגל וועט שוין זיין, ווער וועט אַ שטאָט צונויפלייגן?

— מענדל מוליער וועט מיט קעלניע און האַמער אַ שטאָט צונויפלייגן, מיט קעלניע און האַמער און פייפל, טאַ-טאַ-טאַ, טראַ-טאַ-טאַ, טאַ-טאַ-טאַ, טראַ-טאַ-טאַ, קעלניע און האַמער און פייפל.

— ווי אַזוי קומט מען אויסער וועלט?

— ליד פון גרוב פאַרפירט

— וואָס טוט מען אויסער וועלט?

— מ׳שפּילט אַ ליד.

— אַ וועלכע ליד?

— ליד פון זון.

— ווער ווייס די ליד?

— מענדל מוליער ווייס די ליד.

— און שפּילן וועט ער?

— וועט.

— גייען אַלע, גייען אַלע.

און הוילער שאַרבנקאָפּ דרייט זיך אויס צו די נאָכגייערס און בעט:

— שענקט עפּעס אַ קאַליקן, שענקט, ער שפּילט באַלד „די ליד פון גרוב", שענקט...

קריכן אַלע מיט. איילט יעדערער אין היטל אַריין אַ פּאַפּירל וואַרפן.

גייט פּאַרויס, אויסגעגלייכט, מיט גראָען קאָפּ געהויבן, מענדל מוליער גיסן לידער זיך פון פייפל אַרויס איבער פלעצער און איבער גאַסן. פאַרגעסט און פאַרגייט זיך אין ווילדן עקסטאַז מענדל מוליער און טאַנצט פאָרויס דער מאַכנע ווילד און פאַרשייט, און שפּילט ווילדער און פאַרשייטער נאָך. ציט עס זיך אַזוי איבער שטאָט צווישן גראָע וועגט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

4.

מענדל מוליער האָט עמיצער פאַר דער רעכטער האַנט געפּאַקט צוגעשלעפּט צו וועלט, וואָס האָט מיט דריי טעג צוריק דריי שפּאַן אַהינטער געמאַכט, אַריינגעלייגט זיין האַנט אין אַ וועלטנס רינגעלע אַזאַ, אַן אייזערנס און פאַרשמידטס, און אַזוי אַרום מענדל מוליער צו וועלט אַף אייביק שוין צו געשמידט.

מענדל מוליער איז צוריק צו וועלט צוגעקנעפּלט געוואָרן און אַ שטראָף פאַר אָפּטריניקייט באַקומען: ליגן דאָס ביסל טעג, איבערגעבליבענע נאָך פּערע-מישלער גריבער, צופוסנס לעבן, צוקאָפּנס טויט...

מענדל מוליער האָט אַף אַ קרייץ-גאַס, אינמיטן, איינער אַזאַ אין אַ רויטן היטל, מיט געווער באַ דער זייט אָפּגעשטעלט. אַ מענטשל אַזאַ פון שטאָט אַוועקגעשטעלטער, די אָרדענונג היטן, אָפּטריניקע אין הייזער מיט אייזערנע שטאַכעטן פאַרשליסן און פאַריגלען און באַהאַלטן.

דאָס מענטשל מיטן רויטן היטל האָט אויך אַ פייפל געהאַט.
דאָס מענטשל מיטן רויטן היטל האָט מענדל מוליער אַנטקעגן געפּיפּסט.
און אַז דאָס פייפן האָט ניט געהאָלפן, האָט דאָס מענטשל מיטן רויטן היטל מענדל מוליער פאר די הענט געכאַפּט, זיי אַף היַנטן פאַרדרייט, דעם אוילעם צעטריבן און אַוועק מיט אים.

מענדל מוליער האָט דאָס מענטשל צו וועלט צוריק צוגעקנעפּלט.

קרייַץ-גאַס איז גיך אויסגעליידיקט געוואָרן און גראָ, און גראָ אַזוי, און אַף איר גראָקייט האָט זיך געפינטלט נאָר דער איינער פלעק, דער אַלטער גויטשיקל מיטן הוילן שאַרבן. אַ בלינדער, אַ פאַרלאָזענער און מעוואולוועלער איז ער אַליין וועלט אַנטקעגן געשטאַנען, גרויסער, פינסטערער און פיינטלע-כער וועלט. וועלט, וואָס האָט אים פון אויוון אַראָפּגעשלעפּט, איינציקע טאָכטער, לענקע, אַוועקגעגאַזלט—און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן.

מענדל מוליער האָט מיט הילף פון מענטשל אין רויטן היטל צוריק צו וועלט זיך צוגעשפּילעט, צו בראָכוואַרג—וועלט, וואָס ווערט דאָך אַזוי צאַרט אָפּגעהיט פון איידעלן מין, פון מענטשן-מין.

---

שטאָט האָט אַף מאָרגן און אַף איבערמאָרגן און אַלע טאָג, פאַרנאַכט דורך טיר און טויער אַרויסגעשפּיגן לייט פון דעם איידעלן מין, פון מענטשן-מין אין די גאַסן, אַף די פלעצער און סקווערן.

אין שוץ פון שאָטן זיינען זיי געקראָכן דאָרט, געזוכט, וואו דעם ייִעש-שטויב אָפּטרייסלען, וואו דעם ברודער פון איידעלן מין דערקענען און דער-פילן און מיט פאַכדאָנעסדיקן ציטער זיך נאָכפרעגן און טרייסטן זיך:

— אַ-אַ-אַ-אַ, וואָס זשע מאַכט איר?

— און איר ווי לעבט?

איוואַנגאַראָד

## 1.

מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אין וואַלד, פאָרוויז,—צווייען אַף איין קעסעלע—און געזופּט די ברודיק-ברוינע, לעבלעכע געקעכץ פון פערדישע פּערלגריפן, געשוויגן און געוואַרט אַף נאַכט.

אַלטער סאָסנע-וואַלד איז געשטאַנען ראַכוועסדיק צעוואָרפן און האָט זיין גרינעם רוקן געפאַרבט אין גאָלדענער שקיע.

טאָג און וואַלד האָבן זיך געזעגנט.

אַלטער, איינגעבויגענער טאָג גיט זיך ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל צום וואַלד מיטן פאַרטונקלטן פּאָנים אַ קער, גיט אים ווידעראַמאָל אַ באַשיין און צעשיידט זיך מיט אים, און גייט אַוועק פון אים מיט זיין געאיילטן, גיכן שפּאַן.

לעצטע, פלאַמענדיקע שטראַלן, ווי יונגע שפּילעוודיקע קינדער, קאָנען נאָך אַלץ מיט שפּיצן סאָסנע-נאָדלען זיך ניט שיידן, פאַרהאַלטן זיך אַף נאָך אַ רעגעלע, ברענען ווי ליכטעלעך העלע נאָך אַ מינוט און פאַרנעמען דאָך שפּעטן טאָגס רוף:

— שוין צייט, שוין צייט...

— זאָל שוין זיין גענוג געשפּילט זיך.

— זאָל שוין זיין גענוג געזופּט—אַ קעסעלע אַף צווייען...

רייסן זיך שוין מיט גוואַלד פון די סאָסנע-נאָדלען אַראָפּ די לעצטע שטראַלן און לויפן מיט יונגע טריט פאַרשווינדענדיקן טאָג נאָך און רייסן אים באַ די פּאָלעס:

— נאָך אַ רעגע, נאָך אַ ווײַלע...

ציען זיך צום קעסל אַף רעדער, מיט אויסגעדאַרטן פערדל אין שפּאַן, אָפּגעשליסענע, מיט קעסעלעך אין שוואַרצע הענט:

— נאָך אַ ביסעלע... נאָך אַ טראָפּן...

נאָר אַז ס'קומט די צייט, איז אַלץ דאָ אַזוי אומבעראַכמאָנעסדיק און פרעמד צו אונז, און לעצטע שטראַלן פאַרשווינדן הינטער צעפלאַמטע בערג,

און קעסל אַף רעדער מיט שקאַפּע און שמייסער לויפן זיי נאָך,—ניט פאַר-שפּעטיקן, ניט פאַרזאַמען פון וואַלד אַרויס, איידער נאַכט פאַלט צו און מעקט אָפּ די שמאָלע אויסגעדרייטע וועגעלעך,—לויפן זיי נאָך און זיי פאַרשווינדן ביידע און מיר בלייבן ווידער אַליין, אינגאַנצן אַליין אין אַזאַ ריזיקן וואַלד, און עס ווערט שווער און שווערער נאָך די שטילקייט פון אַליין איבערגעלאָ-זענעם וואלד צו פארטראָגן און ס'ווערט אומעטיק-אומעטיק אין וואלד, אין טונקעל-בלוי פארוויקלטן וואלד.

אין וואלד, באנאכט, אליין, איז וועלט—א בלויער בעכער ביזן ראנד אריבער מיט שווארצן פעך אָנגעגאָסן...

אין וואלד, באנאכט, אליין, האָט שוין עמיצער אלע קראנען צעעפנט און צאפּט און גיסט אף אונז דעם כוישעך אָן אויפהער. און טאָמער האָבן מיר פארמאָגט א לויטערן טראָפּן, א פינטל העלע ליכט, קעסעלעך מיט גע-קעכץ—איין קעסעלע אף צווייען—האָט זיך עס אָפּגעריסן פון אונז און הינטער גליענדיקע האָריזאָנטן אוועקגעפלויגן, און אף אונזער מאזל איז געבליבן נאָר געדיכטער, קלעפּיקער כוישעך—דערשטיקט צו ווערן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר האָבן נאכט דאָך אויפגענומען. אונזער נאכט איז זי—זי לאָקערט אונז אלעמען אויפצופרעסן,—אונזער איינציקע כאווערטע איז זי, אונז, פארוואר-פענע, פארוואָרלאָזטע, צעשטויבטע אין גרויסן וואלד אליין.

ווען מיר וואָלטן נאָר געוואוסט בא וועמען צו פרעגן, ווען מיר וואָלטן נאָר געוואוסט, אין וועלכן הייל זיצט דער טרעפער, וועלכער קאָן אונז זאָגן, ווער פון אונז די שפּיל וועט געווינען, ווער פון אונז וועט וועמען דערשטיקן, ווער פון אונז וועט די שלאכט אויסשפּילן, מיר אָדער די נאכט, ווען עס וואָלט נאָר אזא איינער זיך געפונען, וועלכער וואָלט געוואָלט אונזער פונק באם לעבן דערהאלטן, וואָלטן מיר אים גוט באלוינט. מיר וואָלטן אין רייען זיך אויסגעשטעלט און יעדן צענטן קאָפּ אונזערן געשענקט אים...

אונזער ליבסטע נאכט—מיט וועלכע קלאָלעס זאָלן מיר דיך שעלטן? — לאָמיר זיך אין די גאָרגלען איינבייסן, לאָמיר זיך פּרוּוון, ליבסטע, פארשאָלטענע נאכט אונזערע, לאָמיר זיך א מעסט טאָן, וועמען דארף נאָך ערד פון אונז ביידן, זאָל זי אליין דעם אויסוואל מאכן: דיך—אָדער אונז.

.2

מיר זיינען דאָך ניט מער, ווי שטויבעלעך אין א ריזיקן בארג.

מיר זיינען אלצאיינס איינע צו די אנדערע, אלצאיינס, ווי צו זיך אליין...

מיר קענען איינע די אנדערע אזוי גוט, אז מיר ווייסן די גרויס און די פארב פון דער לויז בא א יעדן איינעם פון אונזערע, בא א יעדן איינעם, הינטער זיין פארשמאָלצענעם קאָלנער.

מיר קענען זיך אויסגעצייכנט.

מיר קענען מיט פאַרמאַכטע אויגן טרעפן, ווער עס וואַשט זיין העמד איבערן פייער.

בא אייך, בא די זאטע און צעשראָקענע,—וואו נעמט מען האס אַזויפיל, וויפל איר האָט פאַרדינט,—בא אייך, מענטשעלעך מיט גרויסע, קיילעכדיקע אויגן, ווי בא די סאָוועס, מיט צוויי שנירעלעך איבערן נאָז—קלוימערשט כאָכ-מע-קנייטשן—בא אייך וואַשט מען נאָך וועש אַלץ אין וואַסער. און מיר וואַשן זיי אין פייער. מיר לייגן פאַנאַנדער אַ שייטער פון טרוקענע צווייגן און האַלטן הויך איבער אים אַף אַ שטעקן די פאַרלייזיקטע העמד אונזערע. די קליינע ברילעלעך, די גראָע לייז דרייען זיך צונויף אין בייגעלעך און קנאַקן, קנאַקן. און קנאַקנדיק פאַלן זיי אין פייער אַריין און ווערן פאַרברענט, און די העמד בלייבט ריין, אינגאַנצן ריין. אַזאַ ברודיק-שוואַרצע ריינקייט פון רויך און אָנגעבדענטס. נאָר דאָך ריין, אַפילע די אייעלעך פון די קליינע ברואים ווערן פאַרברענט...

מיט פאַרמאַכטע אויגן, בלויז מיטן געהער, אין טעמבר פון קנאַקן דער-קענען מיר, ווער עס וואַשט זיין העמד איבערן פייער.

מיר קענען אויסגעצייכנט איינע די אַנדערע, נאָר מיר זיינען שרעקלעך אַלצאיינס איינע צו די אַנדערע, אַלצאיינס, ווי צו זיך אַליין.

וואָס זשע זאָלן מיר טאָן, אויב אַזאַ איינער, אַן עמעסער ברודער אונ-זערער פאַלט אין מיטן דרינען אַנידער און דרייט זיך צונויף ווי אַ לויז אי-בערן פייער און שניצט אויס אַ „פאַרוואָס״? אַזאַ שרעקלעכן פייערדיקן פראַ-געצייכן אין לעצטן בליק פון אויגן, וואָס פאַרגלעזערן זיך?

וואָס זאָלן מיר אים ענטפערן, אַז מיר ווייסן אַליין גאָרניט, אַז מיר האָבן זיך אויסגעלערנט נאָר העמדער לייזיקע איבערן פייער וואַשן?

וואָס זשע זאָלן מיר דען טאָן, אַז מיר זיינען אַזוי שרעקלעך אַלצאיינס, אַזוי וואונדערלעך גלייכגילטיק איינע צו די אַנדערע?

אונטן—גריבער שוואַרצע, בלאָטיקע. אויבן, אין הימל נידעריקן, פאַרצוי-גענעם און פינסטערן, ניט אַ לעוואָנע אַ יונגע, נאָר אַ כאַלעף אַזאַ אַ ליכטי-קער איבער אונזערע קעפּ הייננגט.

— פאַרוואָס?

.3

פאַרנאַכט נאָך, ווען גראָע שאָטנס האָבן נאָר וואָס—פאַרעטעריש, פון הינטן—טאָג באַפאַלן און געריסן אים פון וואַלד, פאַרנאַכט נאָך, ווען מיר אַלע האָבן געגלויבט אין קיינמאָל נאָך ניט געוועזענעם וואונדער פון טאָמיד-טאָג, שוין דאַמאָלסט, אין רעכטן מיט פון צעוויקלטן טאָג-און-נאַכט-געראַנגל זיינען צו אונז אָנגעלאָפן מענטשן מיט בלישטשעדיקע אַקסל פון פאַלשן גאָלד און האָבן אָפּגעקליבן פון אונז די בעסטע, די געזונטסטע, אין רייען אונז אויסגע-שטעלט, מיט גראָב-אייזנס באַוואָפנט און איבערגעלאָזן אַזוי, ביז נאַכט וועט צופאַלן.

שוין דאַמאָלסט האָבן מיר געוואוסט: ס׳וועט טאָג גאָרניט העלפן. טאָג וועט מוזן שטאַרבן. ניט אַף אָפּרוען אַ נאַכט און ערד באַפרוכפּערן באַגינען האָט מען אונז אָפּגעקליבן, האָט מען אונז מיט גראָב-אייזנס באַוואָפנט. באַגינען וועלן מיר מוזן די גראָב-אייזנס צונויפּלייגן און פאַר די ביקסן זיך נעמען. באַנאַכט וועלן מיר מוזן די ערד גראָבן. ווי אויסגעלאָסענע יונגען גאַסן-מוידן, ניט אַף באַפרוכפּערן זי, נאָר אַף לעסטערן, אַף גיפט אין איר קערפּער אַריינפירן און פאַרסאַמען זי, וועלן מיר די ערד גראָבן.

קאָן דען עפּעס העלפן, קאָן דען עפּעס ענדערן, אויב מיר זיינען אַזוי וואונדערלעך אַלצאַיינס איינע צו די אַנדערע, אַזוי שרעקלעך אַלצאַיינס צו זיך אַליין?

האָבן מיר זיך אויסגעצויגן קופּקעלעכווייז, ווי באַזונדערע רינגלעך פון אַ לאַנגער צעריסענער קייט, האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט איבער די שוץ-גראָבנס אונזערע מיט די גראָב-אייזנס אין די הענט, איבער אָט די שוץ-גראָבנס, וואָס ציען זיך ווי אָדערן פאַרפּוילטע פון שוואַרצן אין באַלטישן יאַם אַריין און ווייטער, צוריק, אַרום און אַרום דער ערד און האָבן אָפּגעצייכנט דעם רונג, דעם טליע-שלייף אַרום איר האַלז און האָבן געגראָבן טיפער און טיפער, אַלץ נעענטער צום פייערדיקן האַרצן אירן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס וואָלט, אַשטייגער, געווען, ווען מיר וואָלטן אַזוי, קעסיידער, דעם גראָבן אַרום דער ערד אַלץ טיפער און טיפער געמאַכט און דערנאָך צעשפּאָלטן זי אַף צוויי העלפט, ווי אַ נוס, און דעם פייערדיקן יאָדער אירן אויפגעגעסן, דעם שיגאָען אירן דערשלונגען?

וואָלט זי שוין דאַמאָלסט אויפגעהערט צו זידן?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר זיינען אַלע פון דער ערד. מיר ווייסן זי צו שאַנעווען. מיר גראָבן טיף—ניט ווייניקער און ניט מער. פּונקט צו דער מאָס גראָבן מיר.

און ס׳וועט זיך טרעפן, מיר וועלן צום פייערדיקן יאָדער אירן זיך דערגראָבן, מיר וועלן זיך מיט איר פייער, ווי מיט הייליק וואַסער, באַשפּריצן, און אַ סאָף וועט עס נעמען צו אונזער וואונדערלעכן אלצאַיינס איינע צו די אַנדערע און צו זיך אַליין, און אַ סאָף וועט עס נעמען צו איר לעסטערן, און פון גאַסן-מויד וועט זי אונז צוריק געליבטע ווייב ווערן...

מיר וועלן זי דורך פייער, אַף אייגענע פלייצעס, דורכטראָגן און אויסבּרענען דעם אויסגעלאַסענעם זאָט אירן און אָפּטיוולען אין פרישן באַגינען-טוי און אַוועק מיט איר טאָג באַגעגענען.

4.

עס איז היינט פאַרלאָפן באַ אונז אַזא אויסערגעוויינלעכע געשיכטע.

אַף א ווייסן אָדלערל איז היינט צו אונז געקומען צופליען א טאָג א

ליכטיקער אַזאַ, האָט זיך אַנידערגעזעצט אין דערמיט פון אונזערער א קופקעלע און האָט אונז דערציילט וואָס.

אַזאַ ליכטיקער רייטער האָט געבראַכט אַף די פּלייצעס זיינע בסורעס, אַזעלכע מאָדנע, ווי פון אַ מאַיסע-ביכל אַרויס:

— ט׳איר געהערט?

— ניין.

— ט׳מען אייך דערציילט?

— ניין.

— ווייסט איר גאָרניט?

— ניין.

— וואָסי?

— ס׳וועט שאָלעם זיין.

— שאָלעם?

— שאָלעם! שאָלעם!

— טאַקע, אינדערעמעסן, שאָלעם?

ווי קליינע קינדערלעך בעטן מיר זיך:

— טאַקע, אינדערעמעסן, שאָלעם?

— נו, יאָ, מיטקען שרייבט מען פון דערהיים.

— אַזוי! מיטקען שרייבט מען...

זוכן מיר מיטקען צווישן אַלע קופקעלעך און אַז מיר געפינען אים, שלעפן מיר אים צו זיך, ווי אַ טייערן גאַסט, ווי אַ ליבן אָנזאָגער, און יעדער בעט זיך אַף זיין שפּראַך:

— מיטקא!

— מיטענקא!

— מיטרי אַפאַנאַסיעוו!

— מיטעטשקע, ברודערל, לייען אונז אויס דיין געשפּריטסעלע, וואָס דו האָסט באַקומען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזאַ פּארפירערישער שווינדלער איז ער, אָט דער העלער רייטערל! איידער מיר האָבן נאָך מיטקען געפונען, איז ער שוין ניט געוואָרן. אַוועקגע-פלויגן און אַפילע קיין טראָפּן ליכט נאָך זיך ניט געלאָזט. פינסטערער נאָך איז עס געוואָרן... מיר זיינען שוין געוויינט געוואָרן צו דער פינסטערניש, איז ער געקומען און האָט אונז די אויגן מיט דער ליכטיקער בסורע צערייצט און גלייך ניט געוואָרן.

אַזא פּארפירערישער שווינדלער!

5.

מיר האָבן זיך פארקליבן אין א לאָך, זיך אויסגעלייגט אף די בייכער

אין א קרייז, א פיצל אָנגעצונדענעם כיילעוו-ליכטל אין מיטן ארייגעשטעקט— פאר אזעלכע ליכטיקע בסורעס האָבן מיר שטענדיק בא זיך אין פלייצע-זאק א פיצל ליכט,—פון אויבן דעם כאלעל מיט לאָפּאטעס פארדעקט—קיינער זאָל אהער ניט קומען, קיינער זאָל דערפון ניט וויסן, מיר אליין זאָלן מאָרגן, באגינען די ליכטיקע בסורע איבער שוך-גראָבנס צעטראָגן,—און קוים זיך איינגעבעטן באַ מיטקען ער זאָל זיין ברייוועלע אונז לייענען.

לייענט ער:

...„פון לויטער-קלאָרן געזיכט דיינעם ביז דער שוואַרצער מאַמע ערד גריס איך דיר ליבער מאַן מיינער מיטרי אַפּאַנאַסיעוו דיין האַנט די האָרעפּאַשנע קוש איך אָנצאָליקע מאָל און ווינטש האַצלאָכע דיר אין אַלע דיינע טאַטן אי-רע. און נאָך קאָן איך מעלדן דיר מיטרי אַפּאַנאַסיעוו ליבער מאַן מיינער אַז מאַלאַניעס איוואַן האָט מען געבראַכט צופירן און ווי אַ האָלץ-קלעצל אַזוי זעט ער אויס אָן הענט און אָן פיס אַן אַרומגעהאַקטער אין אַלע זייטן און דער קאָפּ איז באַ אים אין די פלייצעס אַריינגעקראָכן צוליב וואָס איז דאָס באַ אים דער קאָפּ אין די פלייצעס אַריינגעקראָכן?.. ווי מע וואָלט אים מיט אַ האַמער אַריינגעהאַקט און קוקן קאָן ער נאָר אַראָפּ ווי אַ כאַזער דעם באַלקן קאָן ער ניט זעען צוליב וואָס איז דאָס אַזוי. און מאַלאַניע האָט גע-דאַרפט אַף דער ערד זיך אויסציען ער זאָל זי קאָנען זעען און האָט ניט גע-וואָלט אים קושן און איז גלייך אַנטלאָפן און אין טייך זיך אַריינגעוואָרפן און איוואַן האָט געדעווועט ווי אַ געקוילעטער אָקס און געבעטן מע זאָל אים אין איוואַנגאָראָד פירן ער האָט דאָרט די הענט מיט די פיס פאַרגעסן און מע קאָן אים מיט קיין זאַך ניט שטילן ער וויל נאָר אַז מאַלאַשקע זאָל אים קושן אַז ניט זאָגט ער זאָל מען אים אין איוואַנגאָראָד פירן וועט ער זיינע הענט און פיס אָפּנעמען. און נאָך קאָן איך דיר שרייבן אַז באַ אונז הערט זיך אַז עס וועט באַלד זיין שוין אַ נייע מילכאָמע מעריקע גייט אַף אונז און שרייב מיר וואָס הערט זיך עפּעס באַ אייך פון שאָלעם און ווען וועסטו שוין אַהיים קומען און קויכעס מיינע פאַלן מיר אויסגעבענקט האָב איך זיך שוין נאָך דיר און קויכעס מיינע פאַלן מיר און אַז מעריקע גייט אַף אונז וועט דאָס שוין ערשט זיין וועלט - איבערדרייעניש און נאָך גערייסט דיך און בוקט זיך נידעריק דיין ווייב ארינא

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

.6

ווער קאָן זיך דען שוין אומקוקן איצט דערויף, ווי נאַכט, אונזער נאַכט איז אַזוי צערונען באַ אונז צווישן די פינגער, איז אַזוי אומבאַשטראָפט אַנטרונען פון אונזערע לאָפּעטעס אַרונטער און אַראָפּגעפאַלן אין טהאָם אַריין?

ווער קאָן זיך דען שוין אומקוקן איצט דערויף, ווי טאָג, גרויער טאָג,

ציטערדיקער טאָג, טאָג מיט פאַרהאַנגען פון שווערע וואָלקנס פאַרצויגענער האָט אַלץ געוויסט, געווייסט דאָס פאַרויכערטע ביסל לופט איבער דער ערד און ניט געקאָנט ווייס מאַכן זי און געבליבן שוין הענגען אזוי איבער אונזערע קעפּ אַ גראָער און געדיכטער?

ווער קאָן זיך דען שוין איצט אומקוקן דערויף, ווי פון הענט אונזערע זיינען לאָפּעטעס אַרויסגעפאַלן, ווי אין הענט אונזערע האָבן ביקסן זיך באַוויזן?

נאָך היינט—דאַרפן מיר מיט שפּיז אַף סוינע גיין. מיט שפּיז אַף סוינע און מיט בויך אַף סוינעס שפּיז— — — —

נאָר ווער קאָן זיך דען אַפילע דערויף אומקוקן?

מעריקע גייט אַף אונז און וועלט-איבערדרייעניש ווערט עס.

איוואַנגאָראָד לאָזט איבער באַ זיך הענט און פיס.

צו וואָס דאַרף איוואַנגאָראָד הענט און פיס?

מיט קיינע סאַמען שוין ניט אויסצוסאַמען פון אונזערע לייבער און טיפער—פון אונזערע הערצער—צוויי שטעמפלען:

— מעריקע.

— איוואַנגאָראָד.

און ערשט איצט, אין געדיכטן, גראָען ליכט פון קורצאָטעמדיקן טאָג האָט דאָס מיטקע זיך דערמאָנט אַ פרעג טאָן באַ אונז:

— וואָס? צופרידן? שאָלעם?

און זיך פאַרכאַפּט, ווי ער וואָלט עמיצן פון אונז באַליידיקט:

— איוואַנגאָראָד... וואָס איז איוואַנגאָראָד?

און אָנשטאָט ענטפער אַ ווערטער-זאַלפּ אַזאַ אַרויסגעשאָסן:

— אין בויך... אין לעבער... אין די געדערים... אין מויל... אין גאָט דיינעם איוואַנגאָראָדישן אַריין.

און פלוצלונג האָט ער איינעם פון אונז—דודעק בעקער פאַרן לאַץ אָנגעכאַפּט:

דודעק, ברודערל, זשידיוקעלע, ווילסט אַן אַכטל מאַכאָרקע, אַנו, גיב זיך אַ שטעל מיט מיר, אַנו, ווער וועט בעסער אין די דייטשלעך טרעפן!

און צווייען, מיטרי אַפּאַנאַסיעוו און דודעק בעקער זיינען שוין איבער אונזערע קעפּ געשטאַנען, הויכע, ברייטבייניגערדיקע אין זייער גאַנצן וואוקס האָבן זיי זיך אַפּן ברוסווער אויסגעשטעלט און געשאָסן, און געשאָסן אין די קליינע, גראָע פינטעלעך אַריין, וואָס איז אָנגעשטעקט אין דער ערד געווען, העט ווייט, טויזנט שפּאַן פאָרויס, ווי קרויט-קעפּ, אַף הועלזער, ווי אַף קאַטשאַנעס, און מיטקע האָט צו יעדן שאָס צוגעציילט:

— אין בויך... איינס!

— אין לעבער... איינס!

— אין געדערים... איינס!

און פון רעכטס און פון לינקס האָבן מיר שוין שפּרינגען אָנגעהויבן, אַפּן

ברוסוועך זיך אויסגעשטעלט און אַ לאַנגע קייט אַזאַ באַשאַפן. אַ לעבעדיקע קייט און געשאָסן און געשאָסן אַלץ אָפטער, אַלץ פאַרביסענער—מיט הילכיקן געלעכטער—און מיטקע האָט צוגעציילט:—איינס און איינס, איינס און איינס—און פאַרפאַלן איז געוואָרן אונזער ווילדער אַלצאיינס איינע צו די אַנדערע, אונזער שרעקלעכער אַלצאיינס צו זיך אַליין—מיטקע האָט מיט דודעקן זיך צעקושט: „אַך דו זשידיוקל, פלינקער טייוול דו, זעסטו, זעסטו, ווי ער האָט זיך איבערגעדרייט”.—און מיר האָבן זיך אַ ריר געטאָן, אויסגעשפּיגן דאָס לעצטע ביסל איימע און אַוועק שיסנדיק און מיט שפּיז אָנגעשטעלטן, און אַוועק און געדעוועט:

— אַף איוואַנגאָראָד!

— אַף מעריקע!

— או-ר-ר-ר-אַ-אַ-אַ!

און העכער פאַר אַלעמען האָט געליאַרעמט מיטקע:

— אין די געדערים—איינס!

— אין לעבער—איינס!

— אין גאָט איוואַנגאָראָד דיינעם אַריין!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

בעשאַס שלאַכט, בעשאַס אַטאַקע מיט שפּיז אַף סוינע און מיט בויך אַף סוינעס שפּיז ווערט צייט אָפּגעשטעלט. צייט—אַ גענאַרערין אַזאַ—בעשאַס שלאַכט שווינדלט אזוי פאַר די אויגן, אַז דו מיינסט, אַז זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, און שטייט אַזוי אַף אַן אָרט, אַז דו באַקומסט אַ האַרץ צעפּוקעניש איידער דו דערוואַרסט זיך, אַ רעגעלע זאָל איבערגערוקט ווערן. צוויי שטעקעלעך—סימאָנים—שטעקן נאָר אין זיקאָרן: מיטקע און דודעק האָבן אַפן ברוסוועך זיך געשטעלט—איין שטעקעלע. דייטשישע שוץ-גראָבנס. ווי ווערים איבער זיי זיינען מיר זיך צעקראָכן און דודעק—אַ צעלעכערטער—צוועלף וואונדן—שלעפּט אַ דייטשישן קוילנוואַרפער און מיטקען אַפן אַקסל און וויל זיי ביידן אַהער, אין דייטשישן שוץ-גראָבן דערשלעפּן—אַ צווייט שטעקעלע. און צווישן ביידע שטעקעלעך אַ רעגעלע צייט נאָר, אַ רעגעלע. און עפּשער אַ יאָר—ניט אויסצומעסטן...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דודעק האָט מיטקען ניט דערשלעפּט. דעם קוילנוואַרפער—יאָ. פון נאָר וואָס פאַרנומענע דייטשישע שוץ-גראָבנס האָבן שוין אַנדערע דודעקן צום איבער-בונד-פּונקט דערשלעפּט און דודעק בעקער האָט מיט מיטקעס שפּראַך און מיט שוים און בלוט אַף ליפּן, מיט אויסגעהאַקטע ציין געפּרעסט:

— אין גאָט איוואַנגאָראָד דיינעם אַריין...—איינס!

.7

און ווידער שוין איז טאָג גראָער, טיף האַרבסטיקער אַוועק. און ווידער שוין נעמען מיר אויף די נאַכט.

טאָג גראָער, טיף האַרבסטיקער האָט זיך צעלייגט איבערן דערפל—גוט איז דאָ, ניט קיין שאָס, ניט קיין שוך-גראָבנס ניט צו זעען אַף מײלן—יעדער שטיבעלע האָט באַקומען איר זעקעלע גראָען ליכט, דורך די קליינע פאַרגרינטע שייבעלעך אַריינגעשאָטענעם, יעדער שטיבעלע האָט געהאַט אַ דיל מיט שטרוי אויסגעבעטן, אַ האַרמאָשקע, אַ טאַש קאָרטן און שיקסעס פולברוסטיקע מיטן גרינעם פייערל אין די אויגן. און גוט איז געווען אונז אַ גאנצן טאָג די אויגן, ווי אַף עסיק, אַף די אָפּגעריבענע מעלאָכים און דאמען אויסעסן און באַנאכט אַף די בייסיקע אפֿן-אויוונס צו לייבער קאָרענע, ווי ריב-אייזנס, זיך טוליען...

נאָר היינט איז טאָג—דער לעצטער טאָג אונזערער געווען דאָ. היינט איז טאָג גראָער, טיף הארבסטיקער שוין ווידער מיט איוואנגאָראָד געווען אָנגעשטאָפּט:

— מיר גייען אַף איוואנגאָראָד!

היינט האָט דער באוואקסענער מיט רויטע האָר, ווי מיט מעשענעם דראָט, דער סיבירער אנדראן מיטאמאָל אזוי די קאָרטן-שפּיל איבערגעריסן און אויסגעשריען:

— איוואנגאָראָד—איוואנס א שטאָט.

און גלייך אויפגעגעבן:

— לאָמיר זוכן דעם איוואן.

איז שוין א שפּיל אזא, אין טאפּעניש און זוכעניש בא אונז אוועק — א שפּיל אזא אין שפּעטן הארבסט-טאָג:

לאָמיר זוכן דעם איוואן און לאָמיר אים דערשטיקן, וועט מען בלייבן דאָ אין דערפל, אין שטילע הייזלעך, באטאָג די אויגן אויסעסן אַף אָפּגעריבענע קאָרטן, באַנאכט אַף אפֿן-אויוונס צו הארטע לייבער זיך טוליען...

און ווידער שוין איז אונז פאַרפאַלן געוואָרן דער וואונדערלעכער אַלצאיינס איינע צו די אַנדערע. און ווידער שוין איז נעלעם געוואָרן דער שרעקלעכער אלצאיינס צו זיך אַליין און מיר האָבן באַשלאָסן:

— מיר ווערלן אַף איוואַנגאָראָד ניט גיין.

— מיר ווערלן דעם איוואַן אויסזוכן און פרעגן אים: נאָך וואָס האָט ער אַ שטאָט אין פרעמדן לאַנד נאָך זיך אָנגערופן.

און שלעכט איז עס געווען אין יענעם האַרבסט פאַרנאַכט די איוואַנעס: מיר האָבן זיי אַלע אַפּן מיטן שטיבל אַרויסגעשלעפּט, מיר האָבן זיי אַלע אַפּן דיל מיט שטרוי אַוועקגעוואַלגערט, מיר האָבן זיי אַלע געקנאָטן:

— זאָג זיך אָפּ פון דיין שטאָט!

נאָר עס איז אונז אַלע שווער געווען אַף די הערצער, נאָר מיר האָבן שוין אַלע אין אונזער בייזער צערייצטקייט געוואוסט און אנדראָן האָט עס אויסגעשריען:

— האַלט, כעוורע! ניט דער איוואַן איז שולדיק, ניט זיין שטאָט איז עס.

— ניט זיין.

— ניט זיין.

— און אויך ניט זיין.

— ניט די איוואַנעס וויסן פון וואָס צו זאָגן.

צעריבענע איוואַנעס האָבן פון דיל מיטן צעריבענעם שטרוי זיך אויפגעהויבן. צעריבענע איוואַנעס האָבן געקוקט מיט פולע אויגן, ווי קינדערלעך באַליידיקטע, — אָט-אָט ברעכן זיי אויס אין אַ געוויין—צעריבענע איוואַנעס האָבן דערמאָנט:

— מיטרי,—קיניגרייך הימלישע אים,—איז אין אַלץ שולדיק. ער האָט דער ערשטער איוואַנגאָראָד פון ברייוול אויסגעלייענט.

צעריבענע איוואַנעס האָבן מיט פאַרביטערטע, געקלעמטע הערצער זיך געקלאָגט:

— ניט גיין—איז ניט גיין. מיר דערווידערן דען? אַף קאַפּאָרעס דעם גאַנצן איוואַנגאָראָד!

און דאָ האָט מען זיך שוין דערמאָנט:

— און דודעק בעקער, וואו איז דודעק?

— האָסטו געזעען אַ זשידיוקל אַזאַ—אין גאַנצער גרויס אפן ברוסווער זיך אויסגעשטעלט מיט מיטרין און געשאָסן, געשאָסן.

— א צעלעכערטער, א דייטשישע מאשינקע געשלעפּט און מיטרין...

און דאָ האָט דאָס אנדראַן דערקלערט:

— ער איז דער איוואַן.

און דאָ האָט שוין אנדראַן דערציילט — א מייסטער אף מאַיסעס וואונדערלעכע דערציילן,—אז פאראַן א געהיימער בונד אזא פון אלע אידן פון דער גאנצער וועלט — קאהאל הייסט ער,—א בונד אזא, וואָס הערשט איבער קיניגן און גרייט זיך די מעמשאָלע פון דער גאנצער וועלט פארכאפּן צו זיך אין די הענט און דעם אנטיכריסט ברייגנען. און אָט דער דודעק איז דאָס אן אנגעדונגענער פון דעם קאהאל, און אָט דער דודעק האָט דאָס אויסגעטראכט, אז פאראַן אין פרעמדן לאנד דאָ א שטאָט אזא איוואנגאָראָד. און אז אָט, דער דודעק האָט גאָר קיינמאָל קיין קראַץ אפן לייב ניט געקראָגן, קיינמאָל קיין דייטשישע מאשינקעס ניט געשלעפּט, אז אָט דער דודעק פארמאָגט די שווארצע קראַפט פון פארשטעלעניש און פארבלענדעניש און דאָס האָט ער זיך נאָר פארשטעלט, ווי ער וואָלט א צעלעכערטער געווען,—וואָרום, צו וואָס דארף א איד צוועלף לעכער אין־לייב ארייַן פון דייטש באקומען, אז דאָס איז איין אומע און איין שפּראַך און איין גלויבן. יאָ, יאָ. איין גלויבן, וואָרום דייטשישע צלאָמים זיינען דען צלאָמים?—א פארשטעלעניש און אויס.

א פארשטעלעניש און אויס. איוואנגאָראָד איז אף דער וועלט ניטאָ—דודעק בעקער פארבלענדט שוין ערגעץ-וואו אנדערע,—נעכטן האָט אים איי-

נער פון צווייטן פאָלק דערציילט: א אידל האָט אליין א הארמאט געגומען געפּאַנגען, א דייטשישן הארמאט. נו, איז דאָס מעגלעך?

אנדראַן — א הויכער אזא און א געלער, מיט א זילבערן אויערינגל אין אויער מיט א קלייען פּאָנים שרייט אויס:

— ניטאָ קיין איוואנגאָראָד, א פארשטעלעניש און גאָר!

און ליכטיק ווערט עס שוין אונז אין אלע ווינקעלעך:

— ניטאָ קיין איוואנגאָראָד.

— א פארשטעלעניש.

און אנדראַן דערציילט:

— געווען א פארשטעלעניש אזא אמאָל אויך. געווען אמאָל א קיניגן אזא, קאטערינא, א הורן. האָט זי מילכאָמעס געפירט מיטן טאָטער און מיטן טערק. האָט מען געדארפט אמאָל א טייך אריבער, ווייל אפן צווייטן ברעג האָט דער טאָטער, ווי א גנידע, אין די בערג זיך איינגעפרעסן און מען האָט אים מיט קיין זאך פון דאָרט ניט געקאָנט ארויסנארן. און א כאָלערע האָט זיך צווישן אונזערע פארשפרייט און שיר ביז פעטערבורג, ביז דער קיניגן דער הורן ניט דערגאנגען. און אלע נאכט האָט זיך די קיניגן מיט אן אנדערן אן אייצע געהאלטן, ווי דעם טייך אריבער, — קיין בריקן האָט מען דאמאָלסט נאָך ניט געקאָנט בויען, — און זיין אייצע אויסגעהערט און א נאכט מיט אים איבערגעשלאָפן און זיין אייצע אויסגעפּרואווט און קיינעמס אייצע האָט ניט געהאָלפן. פלעגט זי אלע פארנאכט דעם נעכטיקן קעפן און מיט אן אנדערן זיך אן אייצע האלטן און איבערשלאָפן מיט אים און אף מאָרגן אים קעפן, ווייל קיינעמס אייצע האָט ניט געווירקט.

— אָט א הורן!

— אָט א צויג!

— פאר א נאכט איבערשלאָפן — די קאָפּ גיב אוועק!

און אנדראַן איז מאסקים:

— פון צויגן-לאנד. נאָר הערט, וואָס א אידל קאָן אָפּטאָן.

ס'איז א אידל געקומען און האָט זיך צו איר דערשלאָגן און זיין אייצע געבעטן אויסהערן. האָט די קיניגן, איידער זי האָט נאָך אויסגעהערט אים, געזאָגט, אז בא איר איז א מינהעג אזא, אז דער, וואָס גיט איר אן אייצע מוז מיט איר א נאכט איבערשלאָפן און אידעלעך — ווי אידעלעך — זי ווייס דאָך — ער וועט שטארבן בא איר צווישן די הענט. א אידל קאָן דען א נאכט מיט א קיניגן איבערשלאָפן? האָט זי אים דעריבער געזאָגט: טראָג זיך אָפּ פון וואנען דו ביסט געקומען און א זעקעלע גאָלד נא דיר מיט אין וועג אריין דערפאר, וואָס דו האָסט קיין מוירע ניט געהאט צו דער קיניגן מיט אן אייצע קומען. נאָר דער אידל האָט ניט אָפּגעטראָטן: — „קיניגן גרויסע, — האָט דער אידל אויסגערופן, — פאר מיין אייצע בין איך זיכער, מיין אייצע איז די איינציקע, וואָס קאָן דיר העלפן און פאר איבערשלאָפן מיט דיר האָב איך אויך

קיין מוירע ניט, ווייל אזא בראָכע האָבן מיר פון גאָט—געבן קיניגנס גוטע אייצעס און פּאָלגן, וואָס זיי הייסן, און קויעך אָף א נאכט איבערשלאָפּן מיט דיר וועט שוין גאָט צושיקן, און דעריבער הער אויס מיין אייצע: כאַיעל האָסטו, ווי שטערן אין הימל, כאַיעל דיינע קאָנען קיין בריקן ניט בויען, דעם טייך אָבער דארפסטו אריבער, טאָ מאך פון כאַיעל אַ בריק, פארהאטיע מיט זיי די טייך און זאָלן די איבערגעבליבענע מאכנעס איבער זייערע רוקנס אריבער און אויסשפילן וועלן זיי די שלאכט, ווייל אזוי איז גאָט באוויליגט״.

— אך, זשידיוקל, טייוול פארשאָלטענער דו!

— האָסטו געהערט? מיט מענטשן די טייך פארהאטיען!

נאָר אנדראַן שלאָגט איבער:

—ווארט, ס׳איז נאָך ניט איינגאנצן.

איז די אייצע דער קיניגן טאקע שטארק געפעלן געוואָרן און זי האָט גלייך באפוילן דאָס צו טאָן, נאָר ווען די קיניגן איז אוועק דעם באפעל אָפּגעבן, איז דער אידל ניט געוואָרן—א פארשטעלעניש געווען, האָט ער זיך פאר א פליג פארשטעלט און דורכן קוימען ארויסגעפלויגן, און די קיניגן האָט שיר ניט געפּלאצט אין יענער נאכט און דאָס גאנצע זיידענע בעטגעוואנט אף פּיצלעך צעריסן—און שיר ניט געפּלאצט פון אנגסט, וואָס אזא פּייאיקער אידל האָט ניט געוואָלט מיט איר אף נאכט פארבלייבן. און דערנאָכדעם האָט זיך באקומען פון צווייטן ברעג טייך א יעדיע, אז מע איז דעם טייך טאקע אריבער, נאָר ניט קיין טאָטערן, ניט קיין טערקן האָט מען דאָרט ניט געפונען און, ווי אויסשפּירער דערציילן, זיינען זיי אלע גאָר אף דער זייט טייך, פון וואנען מען איז נאָר וואָס געקומען, דעריבער ווארט מען אף דער קיניגינס באפעל וואָס צו טאָן. און קיניגן איז די אייצע אלץ נאָך געפעלן געווען, האָט זי געהייסן די טייך ווידער אזוי צוריק אריבער. האָט מען געפרעגט דער קיניגן, ווי אזוי? דעם כאַיעל, פון וועלכן מען האָט דעם בריק געמאכט האָט די טייך צעשווענקט און צעטראָגן, האָט זי געהייסן מיט פרישן כאַיעל די טייך ווידער אמאָל פארהאטיען און אזוי איז מען דריי מאָל די טייך הין און צוריק אריבער און ניט קיין טאָטערן, ניט קיין טערקן אין ערגעץ ניט געפונען און דאָס אלץ איז א פארשטעלעניש געווען, א שטיקל פונם „קאהאל״. און אָט, איוואנגאָראָד איז אויך א פארבלענדעניש און מען דארף זיצן אף אן אָרט און זיך ניט רירן און ניט גיין אף די שווארצע שטיק:

— ניט גיין!

— ניט גיין!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אזוי לייכט איז עס אָפּצושטימען צווישן זיך, אָטאָ דאָ אפן דיל מיטן צעריבענעם שטרוי—אזוי לייכט, ווי די העמד פון זיך אראָפּוואַרפן, אפן שטעקן אָנהיינגען און איבערן שייטער די מיעסע ברואים פון איר אויסברענען:—

— ניט גיין!

אזוי שווער ווערט עס אונז,—ניט הערצער—טויזנט=פודיקע שטיינער קלאפן בא אונז אין די ברוסטן,—ווען פון אונטערן טיש, פון אפן-איווון, פו אונטערן באנק און פון בודעם קריכן אראָפּ צו אונז אונזעריקע מיטן ווידער-אויסגעוואקסענעם שרעקלעכן אלצאיינס איינע צו די אנדערע און צו זיך אליין קריכן זיך צונויף פון אלע ווינקעלעך פון דער דאָרפס-שטיבל, קריכן זיך צונויף און רינגלען ארום אנדראנען און פארשליסן אים אין א פארמאכטן דונג, אויסגע-פלאָכטענעם פון זייערע אייגענע שווארצע צעקראצטע לייבער און דערקלערן אים:

— זאָגסט ליגן, אנדראן.
— איוואנגאָראָד איז פאראן.
— אונטער טשערניגאָוו.
— איך בין פון דאָרט.
— אף פּאָדאָליע.
— איך בין פון דאָרט.
— אפן נארעוו.
— און אין פוילן-לאנר, אפן וויסל!

אזוי שווער ווערט עס אונז און שווערער נאָך, ווען אנדראן אפילע האָט שוין ניט וואָס צו זאָגן און שפייט אין פארשלאָסענעם רונג אריין און זוכט אן אויסוועג, ווי פון רונג זיך ארויסרייסן:

— אין בויך!..
— אין מויל!..
— אין די גערערים!..
— אין איוואנגאָראָדישן גאָט און לעבער אריין!..

8.

ווער קאָן זיך מיט אונז פארגלייכן אין קענען די ערד?

ווי'פל פון אייך ווייסן, אז ערד האָט אויך א פּאָנים, א לעבנדיקן בא-וועגלעכן פּאָנים, וואָס וויינט און לאכט מיט אלע איבעריקע באשעפענישן מיט פרייד און אומעט באשענקטע צוגלייך?

ווער נאָך פון אייך שפירט נאָך אזוי די ערד, באגלייט איר טריי אזוי אין איר פרייד און לייד אויסער אונז?

נעכטן אָוונט האָט ערד אין באהעלטעניש מיט אונז געשפילט.

נעכטן אָוונט זיינען מיר זעקס שאָ געווען פון איוואַנגאָראָד, פון וויסל געוועזן און געגלויבט אַנדראנען, אַז איוואַנגאָראָד איז ניטאָ, אַז איוואַנגאָראָד איז פון בייזע קויכעס אויסגעטראַכט און מיט שפּיץ הערצער געפּילט, אַז אי-וואַנגאָראָד איז פאַראַן, אַז איוואַנגאָראָד ליגט באַ די שפּיצן פון אונזערע גראָבע פיס-פינגער: אַ טראָט טאָן—און מיר זיינען אין איוואַנגאָראָד.

נעכטן אָוונט האָבן מיר געזעען, ווי ערד שמייכלט אונטערן טונקעלן פאַרהאַנג פון נאַכט, שמייכלט איבער קינדער אירע בלינדע, וואָס ווייסן ניט,

אַז אָט—אַ נאַכט און טאָג וועט אַדורך—און עס וואַרט שוין אַף זיי אין קאַלטן הארבסטיקן באגינען ווייסל-אָפּגרונט, און עס ווארטן שוין אַף זיי סירענעס גליטשיקע און נאסע מיט אויסגעשפּרייטע נאקעטע אָרעמס אַף קאַלטן דעק פון ווייסל-טייך...

נעכטן אָוונט האָט ערד געשמייכלט און היינט באנאכט ווייגט זי שוין מיט דיקע טרערן, מיט געדיכטן הארבסט-רעגן אין דער נאכט-פינסטערניש אריין.

ווער נאָך אויסער אונז איז אזוי נאָענט צו דער ערד?

ווען נאָך דען פרייט אזוי איר שטילער שמייכל און טוט באנג אזוי איר טיפער אומעט?

מיר האָבן פון פארנאכט נאָך א באפעל באקומען.

— אום וואָס עס זאָל ניט גיין—די הארמאטן ארויסשלעפּן.

מיר האָבן באטאָג נאָך זיך דערוואוסט אזוינס, וואָס איז שטומערהייט פון מויל צו מויל געגאנגען פארשטיקטערהייט, און מיר האָבן אלע געציטערט פאר אונזערע הענט און פיס און געטראכט, אז גוט איז שוין איצט מיטרען, וואָס ער איז א גאנצער ערגעץ-וואו געבליבן און איז שוין איצט געוויס אין גאן-איידן—וואָס נאָך דען, מיינט איר, איז אונז געבליבן דאָרט אויסער ווייטסטן שטערנדל פון זיסן שלאָף אין גאן-איידן?,—אז גוט איז שוין איצט דודעקן, וואָס שלאָפט מעסלעסנווייז ערגעץ-וואו אין פענזע אָדער טאמבאָוו אף א ווייסן בעטל און איז אוועק פון דער צאראעסדיקער ערד און איז אוועק פון אירע אייטער-וואונדן, וואָס שטינקען און בייסן אזוי. און אז שלעכט איז אונז צו זיין דאָ און הערן דאָס, וואָס ווערט פארשטיקט פון מויל צו מויל איבערגעגעבן:

— איוואנגאָראָד איז אויסגעליידיקט ביזן דעק.

— דעם גאנצן פולווער אין ווייסל אויסגעשאָטן האָט דער היטער פון פעסטונג און צו די דייטשן אוועק.

— בייכער בלויז מיט פערדישע פערל-גרויפּן אָנגעשטאָפּטע איז געבליבן די פעסטונג צו באשיצן. פון בייכער א וואנט א צווייטע, איז א באפעל ארויס, ארום וועגט פון איוואנגאָראָדער פעסטונג אויסבויען און פאר קיין פאל זי ניט אָפּגעבן.

און נאָך א באפעל:

— אָט די נייע זעכצן הארמאטן, וואָס שטייען רעכטס-צו אהין, פאר קיין פאל ניט לאָזן און ארויספירן זיי. אויב עס וועט פעלן פערד—סאָלדאטן איינשפאנען און ארויספירן זיי, ארויספירן אום וואָס עס זאָל ניט גיין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווער נאָך דען איז אזוי נאָענט צו דער ערד אויסער אונז?

היינט באנאכט האָבן זומפּיקע בלאטעס הינטער איוואנגאראד זיך געווארגן מיט זעכצן הארמאטן. שווערע גאַאוביצן האָבן איבער די אַקסן און שיטער-לעכן געמישעכץ געזונקען. און מיר זיינען טריי ווי שטענדיק געוועז דער ערד,

און מיר זיינען אַלצאיינס ווי שטענדיק געווען איינע צו די אַנדערע, אַלצאיינס צו זיך אַליין און געהאָרכזאַם, ווי אָקסן, צו דרייסיק, צו פערציק אין א האַרמאַט זיך איינגעשפּאַנט און געשלעפּט דעם ביסן פון דער ערדס מויל אַרויס, אין די בלאָטעס ביז איבער די בייכער געזונקען און געשלעפּט. און אַפן ברעג ווייסל נאָר, ווען פון הינטן האָבן אונז דייטשישע בייטשן געטריבן און ניט געלאָזט אין אַ זייט אַוועק, ווען פון פאָרנט האָבן מיט טויזנטער בלאָע אויגעלעך וואַסער-מיידלעך צו אונז פון ווייסל אַרויסגעוואונקען און גערופן צו זיך, אין די נאַסע גליטשיקע שויסן אריין, האָבן מיר אַ רעגעלע נאָר געטראַכט נאָך, וואוהין בעסער איז צו גיין, דורך וועלכן וועג איז נעענטער צום גאַן-איידן,—צום אייניציק איבערגעבליבענעם ליכטיקן פּינטעלע אונזערן,—א רעגעלע נאָר געטראַכט און, ווי אָפּגערעדט, אַלע מיט אַמאָל אין טייך זיך א לאָז געטאָן, צו די וואַסער-מיידלעך מיט די בלאָע אויגעלעך, מיט די לאַנגע צעפּ ביז די קני אַריבער, צום שליסל פון גאַן-איידן, וואס איז אַפן דעק פון ווייסל-טייך בא דער קיניגן פון די וואַסער-מיידלעך געלעגן פאַר אונז אָנגעגרייט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַר ווֶעמען ליכטיקער ענד אַפן דעק פון ווייסל-טייך.

פאַר ווֶעמען שווערער ווי פון שטעטל קליינער, פון שטעטל אידישער, פון שטעטל אירינא—צוואַנציק מינוט גאַנג פון איוואַנגאָראָד-פעסטונג.

און פאַר ווֶעמען ניט דאָס און ניט יענץ.

פאַר אַנדראַנען—א פערד פון א געהאַרגעטן רייטער פון אוראַלער בערג.

פאַר אַנדראַנען—שוהעל פון אידישער שטעטל, א האַלז א שוצלאָזע אַזא פאַר שאַרף פון זיין שווערד. פאַר אַנדראַנען—אויסגעדאַרטער אידל באַם זייט אין זשופּיצע אין לאַנגער מיט גלאַנציקע פּייעס:

— דייטשישער שפּיאָן.

— אונזער פעסטונג איוואַנגאָראָד די דייטשן פאַרקויפט.

— באַם טעלעפאָן געכאַפּט.

פאַר אַנדראַנען און פאַר רייטער פון אוראַלער בערג—מענטשן, ווי מיר, צו דער ערד נאָענטע און פון דער ערד אָפּגעריסענע מיט גוואַלד, גרייטע אין אַלץ צו גלויבן—א שטעטל א אידישע מיט א ציכטיקן נאָמען אַזא, אירינא,—א טראָפּן—די ברענענדיקע הערצער קילן.

פאַר ווֶעמען וואָס.

עס ליגט פאַר יעדן דא אַף דער ערד זיין טראָפּן פאַרמעגן אָנגעגרייט—נעם עס מיט זיך און גיי דיר אין דיין ליכטיקער רו אריין.

פאַר דודעקן—א ציכטיקע אידישע שטיבל. א מיידל א גאָלדענע, בלאַנדלאַקנדיקע, בלוי-אויגיקע מיט א האַרץ—א בלימעלע, וואָס האָט זיך אַט ערשט פונעם ריר פון דודעקס גראָבע פינגער אַנגעהויבן פאַנאַנדערפעפענען. פאַר דו-

דעקן—מיידל, טאטע-מאמע מיידלס, שוועסטערל, וועגט און דילן, טיש און ביינק און דאס גאנצע קליינע ביסל גוטס, וואס א מענטש באדארף און וואס איז מיט איר, מיטן מיידלס אטעם באהויכט.

פאר דודעקן אזוינס אין שטילן שטעטל, אירינא.

נאר גליק—איבערגאנג פון ערגערן צום בעסערן—דויערט א רעגעלע נאר.

כאדאשים איז דודעק געלעגן מיט אפענע לעכער און אט האבן זיי זיך שוין אלע פארצויגן און ער האט אפילע די רעגעלע ניט אפגעהיט, ווען דער נעס איז געשען.

יארן האט דודעק א קאמייעלע אין הארצן געטראגן—א פאר אויגן אזעלכע טרעפן, וואס זאלן טייערער פון אלץ ווערן, מיטאמאל, אן איבערטראכטעניש, און אט—הענגט דען ניט הינטערן באלקן פון ציכטיקער אידישער שטוב דער ערשטער בליק פון מיידל, וואס האט דודעקן, פרעמדן סאלדאט געשאנקען?—און אט יאגן שוין איבערן שטעטל רייטער פון אוראלער בערג, און אט ברעכן זיך שוין טירן, און אט פאלט שוין—דורכן פענסטער זעט זיך עס, צו וואס האט מען באדארפט פונקט אין דער זייט א פענסטער אין ציכטיקן שטיבל?—דער אידל אין לאנגן לאפסערדאק מיט די גלאנציקע פייעס און אט רייסט זיך שוין דורכן טיר אין אידישן שטיבל א שווארצע קרא ארײן:

— א אידן דערשאסן.

און א צווייטע:

— א כורבן.

און א דריטע:

— אוראלער...

און אט לויפט נאר ארויס דאס מיידל, לויפט ארויס אין דרויסן, די לאדן פארהאקן, לויפט ארויס מיט א ביינקל אין האנט—לאדן זיינען הויך—און פון האלב פארמאכטן לאדן בליצט דודעקן אין די אויגן דער ליכטיקער פאל, ווי א שניט פון כאלעף, דער ליכטיקער פאל פון מיידל, אפן פלייצע, און אט איז שוין דודעק אין גאס:

— אנדראן! אנדראן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אזוי ווייניק איז עס, א קליינע אידישע שטעטעלע מיטן נאמען אירינא,—א טראפעלע נאר פאר מענטשן פון ערד, פאר מענטשן אזעלכע, ווי מיר, פאר רייטער פון אוראלער בערג, א טראפעלע דאס הארץ אפצוקילן...

וויפל דארף דען געדויערן א פאר הונדערט אידישע הייזלעך כארעוו מאכן?

וויפיל דארף דען געדויערן דאס ביסל אידן פון א שטעטעלע אזא צערייבן און צעטרעטן?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אף מארגן און אף איבערמארגען, אף איבעראכטאג און שפּעטער, אין כארעוון שטעטלע און ערגעץ אנדערשוואו, אין אונגארן, אין דייטשלאנד און אומעטום האט עס שוין דודעקן באגלייט און געדענקט האט ער:

— איוואנגאראד און דייטשישער קוילנוואָרפער—א פארבלענדעניש. א בייזער כאלם.

מיטרי אפאנאסיעוו אפן אקסל, ליכטיקער פאל פון מיידל באם האלב פארמאכטן לאדן, פאל אפן פלייצע מיטן צעריסענעם און צוגעסמאלעטן קאפטל איבערן ברוסט, מיט פרישער וואונד, וואס טריפט נאך ביז היינט—אן עמעס, א ליכטיקער עמעס. ברידער פון דער ערד, מיט גוואלד אפגעריסענע, וואס פארמאגן פיר שטעט איוואנגאראד און זאגן זיך אפ פון זיי אלע, זאגן זיך אפ צוליב אים, ווייל ער פארמאגט קיין איין איוואנגאראד ניט—אויך אן עמעס. אנדראן, וואס האט ניט געוואלט אף אים זיך אומקוקן—א פארבלענדעניש. און גוט איז עס געווען דודעקן צו טראכטן, אז ווען ער וועט אהיים פון געפענגעניש קומען, וועט ער צום מיידל אפן קייווער אוועק און איר דערציילן:

— א וואונדערלעכן שטיין אזא האט זי אים געשענקט—א פאל א ליכטיקן אזא,—מיט וועלכן ער גייט איצט איבער דער וועלט אום און קלייבט אפ עמעסן פון פארבלענדענישן און געדענקט איר הייליקן נאמען, איר ליכטיקן אָרט אין שטעטל מיטן ציכטיקן נאָמען אירינא, צוואנציק מינוט גאנג פון א פארבלענדעניש אזא, פון א פינסטערן כאָלם פון א פעסטונג אפן ברעג פון ווייסל-טייך מיטן נאָמען איוואנגאָראָד.

---

ריננען

## .1

אָפּגעדעקטע האַרבסטיקע פעלדער האָבן זיך געגעבן מיטאַמאָל אַ הויב אויף, אַ בויג פאָרויס און צוריק, און אַוועק, און אַוועק אין אַ שטילן געמורמל, אין אַ היסלאַוועסדיקן שאָקלען זיך צו מיזרעך, צו מאַירעוו...

פעלד=בלימעלעך—ניט פאַרוועלקטע נאָך, וואָרצל-ווערימלעך—ניט פאַר-גאַנגענע נאָך—האָבן אף אַ ווײַלע דעם אטעם זייערן פאַרהאַלטן,—ס'האָט פון פלוצלונגען גערויש, וואָס איז פון די טיפענישן פון דער ערד געגאַנגען, זיי פאַרכאַפּט,—און זיך אײַנגעשרומפּן, די פליגעלעך זייערע צונויפגעלייגט, די רינגעלעך זייערע פעסטער אײַנס צו דאָס אַנדערע צוגעדריקט און אַ רעגעלע אויסגעוואַרט:

— וואָס וועט דאָס דאָ, אַף די נאַקעטע פעלדער, געשעען?

און אַף ליכטיקע, מיט זון באַגאָסענע פעלדער,—אַזא טאָג האָט זיך אין האַרבסט אײַנגעגעבן,—האט דאָס עמיצער מיטאמאָל ריזיקע זעק מיט פרישער לופט אויסגעשאָטן. פרישער לופט, ניט געוועזענער נאָך, ניט געזעענער און ניט געהערטער. גרויסן לופטיקע פון אַ ריז, וואס האָט געהאַלטן דעם קאָפּ זײַנעם אין צאָפן און האָט געוואַרימט די פיס זײַנע אין מאַירעוו. גרויסן לופטיקע פון אַ שלאָפנדיקן,—ביז איצט,—ריז, וואָס רירט זיך שוין, וואָס קלײַבט זיך אויפשטיין און אַהער, אף פאדאָליער פעלדער, און אומעטום שאָלעם זײַען, שאָלעם זײַען מיט בלוטיקע טראָפנס פון זײַן צעביילטן גרויסן לייב.

און — — — —

אַפן ברעג וואַלד האָבן זיך פינף רייטער באַוויזן.

פינף רייטער אַף נידעריקע פערדלעך, מיט רויטע שלייפלעך אין די לאַצן האָבן אַהער, צו די האַרבסטיקע פעלדער זיך געטראָגן און פינף וואָלקנד-לעך שטויב הינטער זיך נאָכגעלאָזט. פינף רייטער קומען און טראָגן אין די שוימיקע מײַלער פון זייערע פערד בסורע פון שאָלעם.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי איז עס שוין געווען באַשטימט פון פריער נאָך, פון נעכטן:

— געגוג.

אין פעלד, הינטערן דערפל, אָטאָדאָ, באַם גערדיכטן וועלדל, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַף נאַכט-לעגער צוויי פאָלקן און אַ ווײַלע אנגעקוקט אײנע די צווייטע.

— ווער האָט אײַך געשיקט אַהער?

— אַוועק די צייט פון שיקן. אַלײן געקומען.

— וואָס דאַרפט איר דאָ?

— איבערנעכטיקן און ווייטער גיין.

— ווייטער? וואוהין?

— אהיים.

— אהײם?

קיינער האָט דאָס וואָרט ניט געקאָנט באַהאַלטן. ווי אַ שאָס אין טיפ-סטער שטילקייט—ניט אָפּצולייקענען, ניט אָפּצוזאָגן זיך פון אים—טויזנטער פאר אויערן האָבן דייטלעך געהערט:

— אהיים!

און דאַמאָלסט, אין גערויש, אין ליכטיקן געווירבל פון אויפגעפּראַלטער מאָרגנדיקער רו אין דערפלעך פון צאָפּן-גובערניעס אַף ברייטן פעלד מיט גאָלד-געלע זונען-פּאַסן פון פריען האַרבסט-פאַרנאַכט איז פאַרפאַלן און צעריבן געוואָרן דאָס צווייטע וואָרט פון די אנגעקומענע:

— גענוג!

פאַרפאַלן און צעריבן איז געוואָרן א וויכטיק וואָרט נאָר אַף א רעגעלע. אָפּגעהיט ווי אַפּל פון אויג, ווי געפונענער וואונדער-שטיין איז געבליבן ס׳ערשטע וואָרט:

— אהיים!

פאָרנטיקע רייען פון אָנגעקומענעם פאָלק האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן. פאַרנטיקע רייען האָבן פאָרזיכטיק, אַף די שפּיצן שפּיזן זייערע, די ליכטיקע בסורע געטראָגן און איבערגעגעבן פון שפּיז צו שפּיז ביזן לעצטן אָפּגעשטאַ-נענעם פוס-גייער, ביזן מיט האַרץ פון גערדיכטן וועלדל:

— אַהיים!

און פּלוצלונג,—אויסגעמאַטערטע פוס-גייער האָבן אין אומעגלעכן גליק ניט געגלויבט,—צוועלף אָפיצירן האָבן מיט נאַקעט געוועהר אַ דרייצנטן, אַ סאָל-דאַט, אַרומגערינגלט און דערקלערט:

— אַרעסטירט.

און איבער רייען האָט זיך אַ פינסטער וואָרט אַזאַ צעטראָגן. אַ פינסטער וואָרט, ווי אַ שווערע אייזערנע קלאַפּ-טיר האָט זיך איבער קעפּ פאַרהאַקט.

— רואיק! ס׳אַ ליגן! אַ דייטשישן שפּיאָן האָט מען געפּאַקט!

נאָר קיינער האָט דאָס וואָרט שוין ניט געקאָנט באַהאַלטן. ווי אַ שאָס אין טיפּסטער שטילקייט—ניט אָפּצולייקענען, ניט אָפּצוזאָגן זיך פון אים—

טויזנטער פּאָר אויערן האָבן דייטלעך געהערט—„אַהיים!”—און טויזנטער שפּיזן האָבן זיך געוויגט אין פאַרנאַכטיקער לופט...

פּאָרנטיקע רייען האָבן געזען: צוועלף אָפּיצירן האָבן איילנדיק פון פאַר-שלאָסענעם רינג פון סאָלדאַטן-שפּיזן געוואָלט אַרויס, געוואָלט אַרויס און מיט-נעמען מיט זיך דעם דרייצנטן, דעם סאלדאט, דעם אנזאגער פון דער ליכטיקער בסורע. און אַנטקעגנדיקע, פּאָרנטיקע רייען פון אַנטקעגנדיקן פּאָלק האָבן ענגער און ענגער נאָך דעם רינג אַרום די אפיצירן געמאַכט, און פראָוו דער לאַנגער האט מיטאמאל ארויסגעדונערט:

— אַ געוואַרעריי!

און פון הינטן, פון די לעצטע רייען האט זיך אהער, צום אפיצירן-רינגל, צום דרייצנטן, אַ טויבער געפילדער דערלאַנגט:

— א מיטינג!

— זאל ער אליין דערציילן!

און פראָוו דער לאנגער האט שוין מיט זיין הילכיקן באס געשטורעמט:

— א פעסל, א פעסל גיט אהער!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ניט געוועזן קיין צייט אין דארף נאך א פעסל גיין, האט פראוו דער לאנגער פון פארנטיקע רייען א טורעם געמאכט: די ערשטע אף די קני, די צווייטע—בא די פלייצעס, די דריטע—בא די צווייטע אף די אקסלען און פון אויבן, אף די דריטע, אוועקגעשטעלט דעם, וואס האט דאס ווארט אהער געבראכט, אים באם זייט מיט נאקעטן געוווער זיך אנידערגע-שטעלט און באפוילן:

— רייד! דערצייל, ווי גייט מען דאס אהיים.

און דאַמאלסט נאך דער רעדע איז צוריק געפונען געווארן דאס צווייטע ווארט:

— גענוג!

און דאַמאלסט האט דאס פראוו געפרעגט:

— האט איר געהערט? אלע? מאסקים?

און טויזנטער מיילער האבן געענטפערט.

— געהערט. אלע. מאסקים.

און פראוו דער לאנגער האט אזא רעדע געהאלטן:

— כאטש דיין מייַן ווייסן מיר ניט, נאר דו רעדסט די ווערטער, וואס מיר באדארפן. ווער איז פאר דעם, אז מען זאל צוזאמען אהיים גיין, דער זאל אויפהויבן די האַנט.

געקארטשעטע, שווארצע, ווי אלטע ווארצלען, הענט האבן זיך אויפגע-הויבן און לאנג געשאקלט זיך איבער די קעפּ. פאר אויגן פארפינסטערטע, אין שפּיגלען פון בלאטעס געוויינט געווארענע זיך שפיגלען, האבן היימישע פעל-דער מיט זונען-ליכט באגאסענע, פאריאסעמטע און פארלאזטע אויפגעשטאנען. איז עס אנגענומען געווארן:

— געווער בלייבט מיט זיך. ס'וועט צונויז קומען. אפיצירן ווערן אנט-וואפנט און זיינען פריי. פראוו דער לאנגער ווערט אויסגעקליבן אלס קאמאנ-דיר פון פאלק. כאוועד בערקין, אט דער, וואס האט די בסורע אהער גע-בראכט, אלס בריגקאמאנדיר. מארגן פרי פארן ארויס אף דער דייטשישער פא-זיציע: פראוו דער לאנגער, כאוועד בערקין, מאכמאדולא טאכוואטולא, פיקאל-סקי און סיגאלא—א דעלעגאציע צו זיי, צו די דייטשן, אנזאגן זיי, או—

— געגוג!

און פרעגן בא זיי:

— עפשער ווילן זיי, קאנען זיי מארגען אהיים גיין. מילכאמע איז אויס. קאיוק!

איבער וועלדל און איבער אפגעשווירענעם פעלד האבן גרויע מענטשן זיך צעשאטן און צעזייט. ליכטיקע היימישע ווינקעלעך האבן געוואונקען און גערופן, און הערצער זיינען ריין געוואָרן, ווי שטיבעלעך אַף אַ גרויסן יאָם-טעוו צוגעקליבענע. ניין,—הערצער זיינען, ווי פינקלדיקע שטערן אין אַ פינ-סטערער נאַכט, באַ יעדן איינעם געווען. ווי פינקלדיקע שטערן ציטעריקע און פיצינקע—אָט-אָט פאַלט עס אין טהאָם אַריין און די פאַרלירסט דאָס פיצל ערד אין ליכט פאַרוויקלטער,—נאָר געגלויבט האָבן שוין גרויע מענטשן אין זייער אויפגעוואַכטן ווילן:

— אויס מילכאָמע! קאיוק!

און טיף געוואונדערט האָבן זיי זיך איבערן גרויסן נייס, וואָס איז היינט אנטדעקט געוואָרן:

—אַזאַ גרויסע מאַכט ליגט דאָס אין אַ יעדערנס שוואַרצע האַנט:

—אויפגעהויבן זי—און אויס מילכאָמע! קאיוק!

2.

האַלבער טאָג האָט זיך איבער פעלד צעלייגט און געשוויגן.

האַלבער טאָג פון פריען האַרבסט איז פון לויטערסטן ליכט געוועןן אויס-געוועבט און מיד זיינען טויזנטער פאָר אויגן געוואָרן, צום וועלדל אַרויסקו-קנדיק. אין פרישן ליכט פון פריען באַגינען זיינען פינף רייטער הינטערן וועלדל פאַרשוואונדן און אַף אַ פּאָר מינוט געלאָזט הינטער זיך פינף וואָלקנדלעך שטויב, וואָס זיינען פאַמעלעך נאָך זיי, נאָך די רייטער אוועק.

און אָט איז שוין לויטערסטער און שפּעטער האַלבער טאָג געקומען און —ניטאָ, ניט קיין רייטער, ניט קיין וואָלקנדלעך שטויב.

טויזנטער אויפגעוואַכטע הערצער האָבן געציטערט: יענע זייט, דאָס אומ-באַקאַנטע אָרט, מיטן אומבאַקאַנטן פאָלק האָט דערשלונגען די דעלעגאַציע זיי-ערע מיט זייער ליכטיקן כאָלם און איצט איז דאָס שוין ניט:

„אויס מילכאָמע, קאַיוק!"

נאָר—

עס וועט אַ טאָג אַזוי אין ליכטיקן כּאָלעמען פאַרגיין און צונאַכט צו וועט זיך שוין געפינען אַזוינער אין גאָלדענע שליפעס, וואָס וועט אויס-שרייען:

— צום געווער!

און קריך ווייטער, צוריק, אין די פינסטערע בלאָטעס. זינקט ליכטיקער שטערנדל דערפון, זינקט, זינקט און ווערט פאַרפאַלן אין טהאָם פון כּישעף, און גרויע מענטשן קלייבן זיך אין רעדלעך, אין רעדלעך, און רעדלעך קלעפּן זיך צונויף און עמיצער וואַקסט אויס מיטאַמאָל איבער אַלעמענס קעפּ און ווי-דער שוין הערט זיך:

— אַ מיטינג!

— זאָל מען אונז דערציילן!

טויזנטער הערצער האָבן ווייטאָקלעך זיך אָנגעכאַפּט אָן ליכטיקן שטע-רנדל זייערן, אָן פיצעלע ליכטיקן היים מיטן ברעקל ערד, וואָס וואָרט אַף שווייס פון שוואַרצע הענט, אַף מי פון אויסגעמאַטערטע קערפּערס און ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז דאָס לעצטע ליכטיקע פינטעלע זאָל אין טהאָם כּישעף פאַרזונקען ווערן, האָבן זיי געליאַרעמט און געפילדערט:

— זאָל מען אונז דערציילן!..

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ מאַכנע אַזאַ, אַן אויסטערלישע האָט זיך פון אַרומיקע דערפלעך אַהער, צום נאַקעטן פעלד געצויגן. אַ מאַכנע פון פויערים מיט אָפּגעבערענטע פּאַטילי-צעס, מיט שוואַרצע פּענימער, מיט הענט צעדרייטע און גראָבע אין שווערער מי. אַ מאַכנע אַזאַ מיט היי־גאַפּלען באַוואָפנט, מיט קאָסעס, מיט גראַבליעס און מיט לאָפּעטעס האָט אַן ענגן רינג אַרום טויזנטער קעפּ מיטן איינציקן קאָפּ העכער, אַרום מיטינג, אַ גרויען קראַנץ אַזאַ אַרום די אָנגעקומענע אַהער אויסגעפלאָכטן און איינעם פון זיך, אַן אַלטינקן, אין אַ גרויער סוויטקע אַ צו-נויפגעדרייטן פון יאָרן שווערע אַף ערד אויסגעשאָטענע, אַרויסגעשיקט צום מיטינג:

— זייער דעלעגאַט.

— אַ וואָרט וויל ער.

האָבן הענט פון מיטינג דעם אַלטינקן געהויבן, פון פלייצע צו פלייצע איבערגעגעבן און אין רעכטן מיטן, אַף אַקסל אים אַנידערגעשטעלט, און אַל-טינקער האָט גערעדט:

— אַ אידישע אַרבעט איז דאָס—צום דייטש שאָלעם בעטן גיין, אַהיים אַנטלויפן און לאָזן דאָ אָט די אַלע פּראַוואָסלאַוונע אַפן באַראַט פון באַסורמאַן. אַ אידישע אַרבעט איז דאָס. און רעכטגלויביקע דערקלערן: מיט היי־ און מיסט-גאָפּל, מיט קאָסע און מיט גראַבליעס וועלן זיי אָט אַ די אַנטלויפערס די אויגן אויסקראַצן.

איז אַ ווײַלע מיטינג שטיל געבליבן. טויזנטער קעפּ האָבן זיך אַף הינטן אויסגעדרייט און אַ ווײַלע די מאַכנע מיט די גאָפּלען אָנגעקוקט און מיטאַמאָל, ווי עמיצער וואָלט הייסע קוילן אַף די קעפּ זייערע אויסגעשאָטן, האָט עס טויזנטקעפּיקער מיטינג אָנגעהויבן קאָכן:

— אַראָפּ!

— אַראָפּ!

— ניט דאָס, וואָס מיר דאַרפן, רעדט ער!

— בעריעס מיט גראַבליעס!

— אַפּן דײַטש מיט די גראַבליעס גייט!

— אַף מאָן וועלן מיר צערײַבן!

און איבער אַלץ האָט געפּלאַטערט און איינציק געהערשט איין און איינציקער וואָרט, אַ קורצער אַזאַ:

— געננוג!

— געננוג!!

— געננוג!!!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַלטינקער איז צוריק פון אַקסל אַף אַקסל געשפּרונגען. פון אַקסל אַף אַקסל, פון אַקסל אַף פעלד און ווייט אַהין צו דער מאַכנע זײַנער פאַרוואָרפן געוואָרן.

מאַכנע מיט גראַבליעס איז שטיין געבליבן—ניט אַהין, ניט אַהער—אַ רעגעלע נאָר שטיין געבליבן און מיטאַמאָל האָט עס אַ צווייטער אַלטינקער פון דאָרט אויסגעשריגן:

— נו, און אונזערע וועלן אויך קומען?

ווי ניצאָכן פון זונען-ליכט איבער וואָלקנס געדיכטע—אַזוי ליכטיק האָבן דאָס אַ פּאָר ווערטער מאַכנעס מיט גראַבליעס און ביקסן באַדעקט.

— נו, און אונזערע וועלן אויך קומען?

און מאַכנע מיט ביקסן האָט אויסגעשטורעמט:

— קומען. קומען. געוויס!

און הילכיק פאַרענדיקט:

— געננוג!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דעריבער האָט מען דאָס ניט געהערט, וואָס עס האָט גערעדט דער, וואָס איז אַף אַקסל געשטאַנען. דערפאַר האָט מען דאָס צום סאָף, ווען מע האָט געדאַרפט הענט הויבן, איבערגעפרעגט:

— פאַרוואָס הויבן די הענט?

און דער, וואָס איז אַף אַקסל געשטאַנען, האָט געמוזט איבערכאַזערן:

— הויבן די האַנט דערפאַר, אַז אויס מילכאָמע, קאַיוק! ווער איז פאַר דעם, זאָל הויבן די האַנט.

נאָר מיטאַמאָל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן דער, וואָס איז אַף אַקסל גע־שטאַנען, און אַ פרעג געטאָן:

— און ווי, כאַווײרים, אַז מע וועט נײטן?

איז מיטינג געבליבן אַפּהענטיק אַ ווײלע און נאָר פון דער ערשטער ריי האָט זיך אײנער אַף אַקסל צו זײן כאַווער אַרויפגעכאַפּט.

— איז אָט וואָס פאַראַן—ביקס און שפּיז, און קויל וועלן מיר שוין דערטאַפּן.

הענט, ווי וואָרצלען פון אַ וואַלד אַן איבערגעקערטן מיטן קאָפּ אַראָפּ, האָבן אין פאַרנאַכטיקן לופט געווײס:

— גענוג!

3.

פינף רײטער אַף נידעריקע פערדלעך זײנען דאָך צוריקגעקומען.

פערד-מײלער זײנען געווען טרוקן און פאַרביסן. פאַמעלעך, טראָט באַ טראָט, האָבן רײטער זיך צוריקגעקערט.

אין וועג נאָך האָבן רײטער אַ באַראטונג אָפּגעהאַלטן. טאַכוואַטולאָ האָט געזאָגט:

— כאַווער בערקין איז שולדיק. געדאַרפט געבן זײ צו פאַרשטײן אַז—גענוג.

נאָר פראָוו דער לאַנגער האָט אים איבערגעהאַקט:

— מאַכמאָדאָילאָ דו, אַז דאָס איז אַ הילצערן פאָלק, פאַרשטײסטו?

און פלוצלונג האָט ער זיך געכאַפּט:

— ווי זאָגסטו, כאַווער בערקין, אַ וואַנט האָבן זײ אויסגעמויערט און ניט געלאָזט אונז צוקומען צו אָטאָ די, וואָט ווײסן שוין אויך, אַז גענוג.

און פּיקאָלסקי און סיגאַלאָ האָבן צוגעשטימט:

— מע דאַרף זײ לאָזן אַ לײדיקן אָרט. מע דאַרף אַוועק פון דאַנען. זאָלן זײ קומען אהער און זען, אַז ס'איז ניטאָ מיט וועמען מילכאָמע האַלטן, זאָלן זײ ווײסן, אַז—גענוג!

און ווידער שוין האָבן פינף רײטער איבערן פעלד זיך געטראָגן. און ווידער שוין זײנען פערדישע מײלער מיט שוים אָנגעפּילט געוואָרן און הינ־טער שוים די ליכטיקע בסורע פאַר טויזנטער אויסגעמאַטערטע געטראָגן:

— גענוג!

און ס'איז אײנשטימיק באַשלאָסן געוואָרן:

— הײנט נאָך גײט מען אוועק פון דאַנען.

ליכטיקער שטערנדל האָט ווידער שוין העל אויפגעפינקלט.

— אהיים!

— גענוג!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון אַקסל אַף אקסל, פון אקסל אַף אקסל, ביזן מיטן פון דער טויזנט-קעפּיקער מאַסע האָבן הענט וואָרצלדיקע פינף מענטשן, פון פערד נאָר וואָס אַראָפּגענומענע, געוואָרפן, געוואָרפן און אין מיטן אַף אייגענע קעפּ אויס-געשטעלט:

— שטיל. כאַוווער בערקין האָט דאס ווארט.

פּראָוו דער לאַנגער האט געדונערט:

— האמוין, בארואיק זיך, הער, וואס מע דערציילט.

און בערקין האָט גערעדט:

— האָט איר געזען אמאָל אַ גרויסן וואַסער, א יאַם, ווען א שיף גייט דארט אונטער? רואיקע וואסער-פלאך ווערט אויפגעבערויזט און אויפגעשטורעמט און רינגען, רינגען, גרויסע רינגען צעגייען זיך ווייט אין אלע זייטן, ביז אלע ברעגן דערגייען זיי און פליצן און שווינקען און ציען אראָפּ מיט זיך אלץ אין גרונט אריין. אַ גרויסע שיף, אן אלטע וועלט, כאוויירים, גייט אונטער און ווער עס וועט זיך האַלטן אָן איר, וועט מיט איר צו גרונט גיין און קיינמאל אַהיים ניט קומען. די דייטשן, כאווירים, האָבן אויסגעמויערט א וואנט. זיי האָבן מיט אן אייזערנעם רייף ארומגענומען די האָרעפּאַשניקעס און אונז צו זיי ניט צוגעלאָזט. מיט אונז האָבן גענעראלן גערעדט. און צו סאָלדאטן האבן זיי ניט צוגעלאזט. נאָר א שיף, אן אלטע וועלט גייט אונטער און די רינגען פון ברויזנדיקן וואסער וועלן אָפּשווינקען און צערייבן די וואנט און מיטשלעפּן מיט זיך אין טהאם אריין. דייטשן, כאוויי-רים, ווילן היינט ניט וויסן, אַז גענוג, וועלן מיר אוועק און לאָזן זיי א ליידיקן אָרט. זאלן זיי קומען, זאָלן זיי זען, גענוג!

האָט מענטשן-וואלד אויפגעבערויזט און געשטורעמט:

— הערסטו?

— ווערטער!

— ווערטער עמעסע!

— א שיף גייט אונטער. ווילן מיר ניט אונטערגיין מיט איר.

און אויפגעבערויזטע וואָרצלען-הענט האָבן זיך געצויגן צום מיטן, — צו דעם, וואס האט ווערטער עמעסע גערעדט:

— הויבן! הויבן!

און הויך איבער קעפּ זיינען געפלויגן פינף מענטשן, נאר וואָס פון פערד אראָפּגענומענע, און העכער פאַר אלע איז בערקין געפלויגן אזוי, אז פּראָוו האָט זיך אין הענט אָנגעכאַפּט און ווידער שוין געשטורעמט:

— אָבער, האַמוין, געדענק! מיט אייזערנע רינגען, מיט שטאָלענע רייפן דאַרפסטו זיך אַרומנעמען און, ווי אַ וואַנט—אַלע פאַר איינעם, איינער פאר

אלעמען,—שטיין און ניט דערלאָזן, אז מע זאָל דיך מיטן אונטערגייענדיקן שיף אין טהאָם ארײַנשלעפּן.

און אלעמען אײַנגעשטילט מיט איין שטאָלענעם וואָרט.

— גענוג!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

טונקעל-בלאָער הימל פון פריען האַרבסט-אָוונט האָט געפּאַקט מיט אויסגעשאָטענע אף אים זילבער-און פּערל-שטערנדלעך. דאָרט איז א שטערנדל א שענסטער און ליכטיקסטער פאַרן האמוין געווען.

„גענוג"!

אין פרייען אָרדענונג האָבן מאַכנעס מענטשן איבערן וועג זיך געצויגן, פאָרויס מיט מוזיק, פאָרויס מיט כאַוואַר בערקין, מיט פראָוו דעם לאַנגען, ארויס פון פארשאָלטענעם רינג פון אונטערגייענדיקן שיף.

# טאָג-געבורט

נאַקעט

.1

טראַפּנווייז, טראַפּנווייז האָט געטריפט די צעגאָסענע גאַל פון געפּלאַצטן געדולד באַ מענטשן, וואָס זיינען אין שנייאיקן פעלד געלעגן, פאַרמאָסטענע אַף שטאָט.

שווער און ווייטאַקלעך זיינען די טראַפּנס אַפּן מויאַך פון אַן אַלטן אידן געפאַלן און ווי מיט שרויט דעם מאַרך אים געפּיקט:

— וואָס וועט דאָס זיין?

— וואָס וועט דאָס געשען?

גאַנצע טעג פלעגט ער, אַלטער איד מיט גרויען באַוואַקסענעם קאָפּ, אַן אויסגעמאַטערטער באַ זיך אין כיידער שפּאַנען אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ און אַלץ נאָכטראַכטן:

— ווען קומען זיי פון די אָנגעפעלצטע וועלדער?

— וואָס ברענגען זיי מיט זיך?

און אַז עס פלעגט טרעפן אַ שווערערער טראָפּן אים אַפּן מאַרך אַרויף, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן און באַם קאָפּ זיך כאַפּן:

— איז שוין טאַקע ענג די ערד געוואָרן?

פאַרשנייטע פעלדער מיט בלויען ליכט באַגאָסענע האָבן טמימעסדיק צו אים אין פענסטער אַריינגעשיינט און גאָרניט אים ניט געזאָגט, און גאָרניט אים ניט דערציילט, וואָס מענטשן ווילן, פאַרוואָס האָבן זיי זיך, ווי העזולעך און פיקסלעך אין שניי דאָרט, ערגעץ אין וועלדער זיך פאַרגראָבן און היטן אָפּ איינע די צווייטע און וואַרטן אויס און שלייפן ציין...

און אַז ס'זיינען אַנגעלאָפן טעג אַזעלכע האַרטע און קורצע, מיט קוילן, וואָס האָבן אַן אויפהער איבער די גאַסן זיך געלייגט, ווי האָגל, האָט ער זיך דערטראַכט און ס'איז אים איינגעפאַלן:

— ס'איז שטאָט אין מיל-קויש אַריינגעפאַלן און אָט-אָט וועט זי אַף שטויב צעריבן...

איז מיט דעם די מאַרע-שכוירע אַראָפּ צו אים און ער האָט אַלץ פאַרלאָזט און פאַרגעסן, און אַ שטעגעלע דורך זייטיקע געסלעך זיך אויסגעלייגט — צום שול און צוריק — און שאָען דאָרט פאַרבראַכט אַליין, אין דער אַלטער שול און אַלץ נאָכגעטראַכט און אַלץ געמאָנט עפּעס באַ די שטומע ווענט.

און אין באַגינענס, אין ווינטערדיקע גרינע באַגינענס, באַרוטע און שטי-
לע, אין מינוטן נאָכן קורצן און האַרטן אויסגעשריי, וואָס איז צו דער ערד
צוגעפאַלן אַ צעשראָקענער, פלעגט ער אין זיין צימער אַ קורצע טרייסט פון
שטומע ווענט געפינען, און פאַרציטערטע שטילקייט פלעגט מיט בלינדע פינגער
קאַלטע שויבן פון דרויסן טאַפּן, און ער פלעגט מיט פרייד אַהין צופאַלן, זוכן
יענעם אויראַך, וואָס טאַפּט די פענסטער זיינע און כאַפּן אין אויג דעם שווארצן
פלעק פון איינגעהויקערטער שול אין טונקל-גרינעם פאַרב פון ווינטערדיקן
פרימאָרגן, און פרייען זיך מיט איר און מיטן דרויסן:
— זעסטו, ווי שטיל עס איז...
און—
אלע טאָג פלעגט ער מיט שרעק גלייך צוריק פון פענסטער אָפּשפּרינ-
גען און פון דערווייטנס נאָכקוקן יענץ ווייס מייזעלע, וואָס לויפט איבערן
הימל און שטעלט זיך אָפּ אַף אַ ווײלע קעגן זיין פענסטער...
און אַז די ערשטע שרעק פלעגט אריבער, פלעגט ער שוין קלאָר זען,
ווי פארשייטע מענטשן אין אָנגעפּעלצטע וועלדער שיסן שטום פון דער פאר-
באָרגענער ווייט מיט העלן ליכט אין טונקל-גרינעם הימל אריין. ליכט פאלט
פון דאָרט אַף דרערד און טאַפּט און זוכט די וועגן, בויגט זיך צום שניי
אַראָפּ, לעקט אים און בעט באַ אים אן איינגאַנג אין שטאָט אריין. נאָר אין א
מינוט ארום, אז זי פלעגט זיך ווידער אָפּשטעלן קעגן זיין פענסטער, אויג
אַף אויג מיט אים, פלעגט אים אַ גרויל אָנכאַפּן און עס פלעגט זיך אים דאַכטן,
אז אן אים הענגט עס אָפּ, אז ליכט בעט זיך באַ אים, ער זאָל דעם איינגאַנג
אין שטאָט ווייזן. פלעגט ער מיט דער מאַכשאָווע נאָכן העלן פינטל אַוועק,
אים אין שטאָט ברענגען און פאַרזשמורען די אויגן פון העלישן ליכט, וואָס האָט
זיך מיטאַמאָל איבערן שטאָט צעגאָסן... און אַז ער פלעגט זיך כאַפּן, אין אַ
רעגע ארום, אין טונקעלן פרימאָרגן, אליין אין זיין ביידער, פלעגט ער, קינ-
דיש, פון שרעק, אַנטלויפן פון דאָרט אין דריטן ביידער אריין און אָפּשטעלן
זיך באַם בעט פון שלאָפנדיקער טאָכטער און שטיין און וואַרטן אַף עפּעס. און
אַז יענע פלעגט, א פאַרציטערטע אויפכאַפּנדיק זיך, מיט די קאַלירטע נעגל אין
קישעלע זיך איינבייסן, אין קישעלע, וואו דאָס צירונג אירס איז געלעגן באַ-
האַלטן, פלעגט אים מיטאַמאָל אַן איבלענדיקער גלייכגילט צו אלץ באַפאַלן
און אומעטיק פלעגט דאָס אים ווערן צו שטיין אטא דאָ, אין טאָכטערס אלקיר
און קוקן, ווי זי גייט אויס פאר שרעק פון צונעמען באַ איר דאָס ביסל גוטס.
פלעגט ער, אָן אַ וואָרט, צוריק ארויס פון דאָרטן, צוריק צו זיך, צום פענס-
טער, וואו אַזאַ גרויסע פירקאַנטיקע שטיק גרינער הימל האָט זיך געזען, וואו
ווייסע מייזעלע שפרינגט ארום און שטעלט זיך אָפּ יעדע ווײלע, אף א רעגע,
אויג אף אויג מיט אים און בעט זיך באַ אים דעם אריינגאַנג אין שטאָט ווייזן,
די שטאָט מיט ליכט באַגיסן...

אלע טאָג פלעגן צום אַלטן אין שטוב אידן זיך זאַמלען און די זאַך ארומריידן.

שפּיציקע בערדלעך מיט ברילן אַף די נעזער, מיט פּאַרטריקנטן שוים אין די ליפּן-ווינקלען, פלעגן, טרייסטנדיק זיך, טאַינען:

— ס'איז שוין ניט קיין געפאַר. מען וועט זיי אָפּטרייבן פון דאַנען און — אָן עק. נאָר אַנדערע פלעגן הענט ברעכן:

— ראַכמאָנע ליצלאָן — אויב פאַרקערט... די ווייסע האָבן צוגעזאָגט די שטאָט אָפּראַמען...

— מיט דער ערד אויסגלייכן.

— אַף נאַקעט.

און אַז זיי פלעגן זען, ווי אַלטער זיצט און קאַפּט שטיל מיט די פינגער אין שויב, פלעגן זיי צו אים צופאַלן און בעטן:

— רעב אַלטער-בער, איר קאָנט העלפן!

פלעגט ער אומדרייען צו זיי דעם קאָפּ און לאַנג זיי אָנקוקן און אויסהערן, ווי מיט הינטערוועגלעך און זייטיקע רייד גיבן זיי אים צו דערקלערן מיט וואָס ער קאָן זיי העלפן. און שטיל אינעווייניק שמייכלען צו זיך אַליין:

— שויטים! עס גייט זיי נאָר אָן דעם, אַז זייער ביסל גוטס זאָל פאַרהיט ווערן.

און אַז מען פלעגט צו אים צופאַלן און אים אין אויער איינרוימען:

— ער, דער בלינד-אויגל... ער האָט צוגעזאָגט...

— עס ווענדט זיך נאָר אָן אייך.

פלעגט ער זיך דערשרעקן און שטוינען.

— האַ?... איך?... אָן מיר ווענדט זיך עס?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מ'איז געזעסן אַזוי, אַמאָל און געטראַכט, ווער וואָלט עס געקאָנט שטאָט-לייט העלפן. איז פון צווייטן צימער ארײַן דאָס מיידל, די טאָכטער זיינע, און זיך פאַרוקט אין אַ ווינקל אַפן דיוואַן. האָט ער זי לאַנג און שטום אָנגעקוקט, ווי מע קוקט אָן אַן אַלטן כייפעץ, וועלכן מען האָט אַמאָל אין שטוב געבראַכט און לאַנג פאַרגעסן אָן אים, און איצט איז ער ווידער פאַר די אויגן געקומען, און געוואונדערט זיך, וואָס אים אַרט ניט, וואָס זי רעדט מיט אים גאַנצע טעג קיין וואָרט ניט אויס. האָט ער געקוקט אַף אירע שטאַרק אָנגעפּאַרבטע ליפּן און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי פּאַרנעמט זיך באַ זיך אין כיידער מיט אַזעלכע זאַכן, וועלכע מע טוט באַ פאַרשלאָסענע טירן... אָט איצט האָט זי געמוזט נאָר וואָס פון אַ גלאָז בלוט זיך אָפּרייסן, און דעריבער זיינען דאָס די ליפּן באַ איר אַזוי גלאַנציק-פעט און שרעקנדיק-רויט, און דעריבער האָט זי דאָס פאַר קיינעם קיין מוירע ניט און זאַמלט פון אַ גאַנצער שטאָט גוטס באַ זיך באַהאַלטן... צוזאַמען מיט איר איז געזעסן אַ פאַרשוין מיט אַ געשטופּלטן פּאָנים, מיט אַ בלינדן אויגל און רויטן צײַלעמל אַפן היטל. מיטן בלינדן אויגל

האָט ער געהאַלטן אין איין פּינטלען און דאָס מיידל האָט פיבערנדיק אפן די־
וואַן זיך אונטערגעהויבן און נידערגעזעצט אזוי לאַנג, ביז זי האָט די ליפּעלעך
צונויפגעצויגן און אלע זיינען געבליבן, ווי געפּלעפט און, ווי שולדיקע, שטיל
זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

איז געבליבן אַלטער איד אליין מיט זיי, מיט, באהאלטענע אין זיך,
פרעמדע מענטשן. האָט זיך בלינד־אויגל נעענטער צום מיידל צוגעזעצט, הינ־
טערוויילעכס, מיטן איינציקן אויגל, טיף צו איר אין אָפּענעם בוזעם זיך פאַר־
קוקט און מיטן בלינדן—קעסיידער געפּינטלט:

— ער דאַרף עס גאָר ניט... מען וועט קיינעם דאָ ניט רירן... ער איז אַ
רויטער־ציילעמניק, אן אינוואליד און...

און נידעריקער צו איר זיך אריבערגעבויגן, אין אויער שטיל און לאַנג
עפּעס אריינגערוימט, אויער אונטערגעשטעלט, מיטן בלינדן אויגל געפּינטלט,
ענטפער אויסהערנדיק, און זיסן שמייכעלע צווישן שטופּלען אפן פּאָנים פאַנאַ־
דערגעגאָסן...

האָט אַלטער איד זיך אויפגעהויבן און שטיל צו זיך אין כיידער אוועק
און געטראכט, אז אָט זיי צווייען, וואָס זיצן און סוידען זיך איצט, אידלעך,
וואָס האָבן עפּעס געוואָלט פון אים, יענע, וואָס ליגן אין די ווייסע פעלדער—
אלע, אלע ווייסן וואָס און פארוואָס עס קומט פאָר ארום שטאָט און וואָס
דארף זיין. און נאָר ער איינער פארשטייט ניט, און נאָר ער איינער קאָן זיך
ניט כאַפּן, וואָס געשעט עס דאָ. האָט מיטאמאָל אים א גאנצע כוואַליע פאר־
גאסן און ער האָט זיך פארכלינעט און פארשטיקט אין איר:

— וואָלט איך וויסן, וואָס דאָ קומט פאָר!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך לאַנגן זיצן, אמאָל, אויג אף אויג מיטן ווייסן מייזל, נאָך שווער־
פארפלאָנטערטן נאָכטראַכטן איבער מעגושעמדיקער פארהוילטקייט פון מענטשן,
וואָס האָבן זיך מיט פאַרלאנגען זייערע אין שנייאיקע וועלדער פאַרפעלצט און
פארבאהאלטן—האָט אלטער איד באַשלאָסן:

— וויבאלד אז עס וועט זיך אָן אים, וויבאלד אז מע באַדארף נאָך
אף עפּעס האָבן דאָס ביסל גוטס, וואָס טאָכטער האָט, ווי אַ מויז, אין לעכער
צעשלעפּט, אָט די שנירעלעך און רינגעלעך, מיט וועלכע עס קומען צו אים
אלע טאָג אידן, וועט ער עס אף צולהאכעס ניט טאָן און וועט ווייטער, אלע
נאַכט, אויג אַף אויג מיט ווייס מייזל בלייבן און נאָכקוקן איר און זען, וואָס
וועט דאָס דאָ זיין.

און ס'איז אים איינגעפאַלן א קוק צו טאָן און זען, וואָס טוען זיי איצט
אין צווייטן כיידער, וואָס טוט ערשט טאָכטער מיט בלינד־אויגל. האָט ער
שליסל־לאָך מיטן אויג פאַרדעקט און געזען:

די טאָכטער זיינע, אָט דאָס מיידל מיט די רויטע ליפּעלעך, זיצט מיט
אן אויפגעדעקטער פוס און באווייזט דעם פאַרשווינדל מיטן בלינדן אויגל און

אייצעט זיך מיט אים, ווי אזוי זי וועט די צירונג פאַר זאָקן-בענדלעך טראָגן. גלעט איר בלינד-אויגל איבערן נאקעטן קני און טאַינעט:

— אז ער איז אין אלץ זיכער...

נעמט מיידל אָן מיט די הענט געשטופלטן פּאָנים און בויגט אים אראָפּ, נידעריק און נידעריקער, צום נאקעטן קני אראָפּ און בלינד-אויגל קושט איר אהין און מיידל לאכט און דרייט זיך:

— אַ גוט אָרט געפונען, אַ?

איז ער שטיל צו זיי אין כיידער אריין, צו טאָפּטער צו, מיט צוויי פינגער דאָס קלייד אויפגעהויבן און עפּעס אזוי רואיק ארומגעקוקט:

— האָסטו, הייסט עס, אַ גוטן אָרט געפונען, אַ?

און אין די הויפנס האָט די הויט אָנגעהויבן זידן, ווי עס וואָלט מיט נאָדלען געווען פארשטאָכן... האָט ער זיך נעענטער צו טאָכטער גערוקט... האָט בלינדער אויגל גיך-גיך געפינטלט, און זעענדיקער—שפּיציק אַלטן נאכגעפּאָרשט און געשטופלטער פּאָנים האָט געשמייכלט:

— אז איך קאָוויר...

און מיט האַנט מיידלס קני געגלעט און מיידל פון אלטן פארשטעלט:

— דאָס בעסטע אָרט...

איז נעענטער אלטער צו זיי צוגעגאנגען און געגרייט זיך עפּעס טאָן. האָט בלינד-אויגל, פלינק, הינטער זיך, טיף אין דיוואַן מיידל באהאלטן און עפּעס אָפּגעוואָרט. האָט אַלטער זיך אויסגעדרייט און אוועק, און שטיל פאַר זיך געטראַכט:

— שטאָט וועט שוין אזוי מיט רויך אוועק...

און אז ער איז שוין געווען בא זיך און האָט מיטאמאָל דערזען אין גרינעם פענסטער דאָס ווייסע מייזעלע שפּרינגענדיק איבערן הימל, האָט אים א ווילדע פרייד ארומגעכאפּט און ער האָט עס נאָכגעשפּירט און נאכגעקוקט:

— זעסטו, ווי פלינק עס איז...

און האָט זיך דערמאָנט:

— אַף נאקעט, האָבן זיי געזאָגט, אַף נאקעט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס אלץ איז געשען שפּעטער, הארט פארן אָפּנעמען די שטאָט.

פריער האָבן זיך געשלעפּט מאַכנעס הויקערדיקע טעג.

מאַכנעס הויקערדיקע טעג, ווי אָפּגעריסענע בעטלער, האבן דורכן שטאָט זיך געשלעפּט. יעדערער פון זיי האָט מיט זיך אַ טאָרבע צעניזעקטע יעדיעס אין שטאָט אריין געבראכט און אפן מאַרק זי אויסגעשאָטן. האָבן שטאָטישע מענטשן, ווי הונגעריקע הענער קערנדלעך, די צעניזעקטע יעדיעס געקליבן און זיך געוואָרגן מיט זיי.

גייט אריין אמאָל, אין שטאָט, אַ טאָג אזא נידעריקער, א בעטלער א צוויי-הויקערדיקער, שלעפּט אראָפּ פון זיך די טאָרבע, זעצט זיך אפן מיטן

מאַרק אנידער און זיצט אָפּ דאָרט אַ פּאָר שאָ און שאָקלט צו מיטן איינגע-וואָקסענעם קאָפּ אין די הויקערדיקע פּלייצעס אריין, שאָקלט צו אף יאָ און אף ניין.

פּרעגן שטאָטישע באַזאַ מין מעראגל, וואָס וועט מיט שטאָט און איידע זיין, אויב די ווייסע וועלן דארפן אַוועק. שאָקלט ער צו מיטן פּליכעוואַטן קאָפּ:

— זיי וועלן טאָן, וואָס זיי האָבן צוגעזאגט.

— קיין שטיין אפן אָרט ניט לאָזן?

— אף נאַקעט אָפּראמען.

א טאָג אזא, א הויקער אזא האָט זיינס אין קורצער צייט אָפּגעטאָן, זיין שליכעס אויסגעפּילט, פון מאַרק זיך אויפגעהויבן, שטאָט אדורך און אוועק.

האָבן טאטעס צו וועגט זיך אָפּגעדרייט און בערד און פּענימער אַהין פּארוקט און מאמעס האבן קעפּ אין פּארטוכער געוויקלט און קינדערס פּרייד איז מיט טאַטע-מאַמעס אומעט צעמישט און פּארסאמט געוואָרן, און דער-שטיקטע יעלאָלעס האָבן הינטער סטעליעס זיך געטראָגן, ווי שטארבנדיקע פויגל מיט איבערגעבראָכענע פּליגל אין ווענט און סטעליע געפּאַטשט, און אויסגאנג געזוכט און, ניט געפינענדיק, שטיל אפּגעשטאָרבן דאָרט.

און א טאָג א צווייטער איז אין שטאָט אריין, א טאָג א צביילטער, ווי א צעהארגעטער גאסן-הונט, מיט רויט-געשוואָלענע אויגן...

און א טאָג אַ דריטער... א פערטער...

א גאנצע מאַכנע קרוע-בלועדיקע בעטלער-טעג, אָפּגעריסענע און פּאר-פינסטערטע, מיט פולע טאָרבעס צעניזעקטע יעדיעס.

2.

אלטער-בער האָט אלע זיינע כאַדאָרים גוט ארומגעקוקט, יעדער כייפעץ פון דאָס ניי באטראכט, ווי ער וואָלט דאָס ערשט אין שטוב געבראכט, און אז עס איז אים שווער געוואָרן, אז עס איז אים ענג געוואָרן אין די אָנגע-שטעלטע צימערן זיינע, האָט ער שטיל זיך אָנגעטאָן, שטעקן פון ווינקל גע-נומען און אין גאַס אַרויס.

גאַסן זיינען פול געווען. מענטשן האָבן זיך געדרייט הין און הער, פּאר-נומענע און איילנדיקע, און ער האָט זיך ווידער דערמאָנט:

— ס'ליגט די שטאָט אין מיל-קויש...

— ס'ליגט די שטאָט אין מילקויש און מענטשעלעך — קערנדלעך אין קויש... מענטשעלעך איילן און לויפן און דרייען זיך און ווילן ניט צווישן מיל-שטיינער פאַלן און ווילן ניט אַף שטויב צעריבן ווערן.

אלע טעג זיינען שטאָט דורך און אוועק. מענטשן קאָנען ניט אזוי שטאָט דורך און ווייטער גיין. אין ווייסע פעלדער ארום שטאָט האָבן מענטשן

זיך אויסגעלייגט, מענטשן מיט געפּלאַצטן געדולד. ליגן זיי דאָרט, ווי צערייצטע בערן, און לאָזן קיינעם אין שטאָט ניט אריין און לאָזן קיינעם פון שטאָט ניט ארויס...

האָט אלטער-בער איבער שטאָטישע גאַסן מיט זיין שמאָלן טראָט געשפּאַנט און ווידעראמאָל געזען:

— ער קאַווירט... איבער טאָכטערס נאַקעטע קניען גליטשן זיך פינגער פון א מיעסער בריע... ווי ווייסע מיסט-ווערים קריכן זיי דאָרט...

— שטומע שול שטייט איינגעהויקערט און קוקט אף אלץ מיט בלינדע אויגן פון גרינע שויבן, קוקט איוווער-באָטלדיק אלט.

און ער האָט גוט געוואוסט:

— איצט, ווען זיי זיינען אליין אין אלע צימערן, פאַרשליסן זיי אלע טירן און קוקן איבער יעדער כייפעץ, און בלינד-אויגל שאַצט און טאָכטער פרייט זיך מיטן גוטס און מיט דעם, וואָס בלינד-אויגל טאַינעט איין:

— אלץ וועט זיין גאַנץ...

האָט ער זיך אויסגעדרייט און צום שטוב אוועק:

— ער וועט זיך אויסטאָן פון זיי... ער וועט זיי ארויסטרייבן, דאָס גוטס מיטן רויך לאָזן און זען, ווי וועט ער דאָס אויסזען אליין, א נאַקעטער...

האָט ער אָבער דערזען פענסטער פון זיין שטוב כאַסענעדיק-העל באַלויכטענע... האָט ער אָבער אַף אויער אויפגעכאַפּט שויבן קלינגענדיקע מיט שיקערן געוויש פון אינעווייניק, איז ער אהין אינגאַנצן צוגעפאלן און געזען:

טאָכטער אין העלן זיידענעם קלייד מיט נאַקעטע פּלייצעס און הענט איז באַם קלאַוויר געזעסן. זאַל איז מיט ליכט געווען באַגאָסן. גלאַנצנדיקער דיל האָט זיך אונטער פיס מיט לאַקירטע שטיוול שטאַרק אין שפּאָרן געגליטשט און ווייך געקלונגען. קליינע לאַקירטע שיכעלעך מיט שפּיציקע נעזלעך האָבן צווישן נעזער פון אָפיציר-שטיוול זיך געפּלאָנטן און געדרייט... פּענימער זיינען ווי מאַסקעס געווען, מאַסקעס אָפּגעקאַלכטע און שמייכלענדיקע, ניט פון פרייד, נאָר פון ליידיקייט און טויט, וואָס ליגט הינטער שטענדיק שמייכלענדיקע מאסקעס באַהאלטן... ס'איז א טאַנץ אַזאַ געגאַנגען אין ווייסן זאַל אין זיינעם... בלינד-אויגל האָט אויך געטאַנצט און געשטופּלטער פּאָנים האָט פון ווייסן וועש אין שוואַרצן ראָק אַרויסגעקוקט, ווי אַ וואָרים, וואָס איז פון בלאָטע ארויסגעקראָכן. און אַז עס האָט זיך געענדיקט דער ערשטער טאַנץ, האָט ער געזען, ווי בלינד-אויגל בויגט זיך, באַם קלאַוויר, איבער טאָכטער אריבער און רוימט איר עפּעס איין אין אויער... האָט ער געזען שפּעטער אַ ווילע, ווי טאָכטער הויבט זיך אויף, גייט אלעמען אנטקעגן, שפּרייט אין די זייטן און אין דערהויך די הענט אויס און וויקלט א רייצנדיקן שמייכעלע אף די רויטע ליפּעלעך:

— היינט טאַנץ איך.

— היינט—מיט אלעמען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ער האָט זיך געפונען אַ שטיק אין נאַכט אַף איין אָרט, אַרום שול זיך דרייענדיק. האָט ער זיך פאַרוואונדערט, אין שול דאָך אריין, אנטקעגן פענס-טער זיך געזעצט און מיט ווייסער מייזעלע אין גרינעם הימל, אויג אַף אויג פאַרבליבן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין שנייאיקן פעלד אַרום שטאָט האָט זיך גאַרניט געביטן. מיט גרויען טאָג איז ווייסע מייזעלע פון הימל פאַרמעקט געוואָרן. מיט שפּעטן טאָג איז אלטער-בער אהיים געקומען און באַ זיך אין כיידער זיך פאַרשלאָסן.

שפּעטער טאָג האָט זיך געוואַרגט מיט שטילקייט פון שווער-פאַרהאַנ-גענע צימערן.

אַלטער איד האָט געזען, ווי מיט שפּעטן טאָג שלייכט זיך בלינד-אויגל פון טאָכטערס אַלקיר אַרויס, אַן אומגעוואַשענער און צעקנייטשטער, ווי אַ שטיקל ברודיק וועש... שלייכט זיך ארויס, ווי אַ שטוב-גאַנעוו, און פאַרשווינדט דורך זייטיקע געסלעך.

האָבן זיך באַ אים פיס אונטערגעבראָכן און אין האַרץ איז אים ענג געוואָרן, געדאכט זיך, אז ניט האַרץ, נאָר אַ געפאנגענע, פאַרוואונדעטע פויגל קלאַפּט זיך דאָרט מיט צעריסענע פליגל און וויל אַף דער פריי ארויס...

האָט ער זיך שטיל אין אַ ווינקל פאַרוקט און, ווי אַ קינד, זיך אויסגעוויינט:

— וואָס נאָך בלייבט מיר דען?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳האָט זיך געטראָפן, אז ער האט אין אַ בלויען פאַרנאַכט, אַמאָל, אין זיין אָפּגעשלאָסענעם כיידער זיין טאָכטער געפונען. זי האָט זיך ווידעראמאָל די זאָקן-בענדלעך מיט דאָס צירונג אַף די פיס געמאָסטן, זי האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט, ווען ער איז אריין און רואיק צו און אָפּגעקנעפּלט די זאָקן-בענד-לעך, און די רויטע ליפעלעך האָבן זיך באוועגט און עפּעס געשמייכלט פאַר זיך. איז ער ארום איר ארומגעגאַנגען, אַ ווײלע איר אין די אויגן ארייגעקוקט און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, אז עס שטיקט אים, אז עס איז אים ענג דאָ און לופט פעלט אויס. האָט ער פון גאַנצן האַרצן איר אין פּאָנים אָנגע-שפּיגן, פון כיידער ארויסגעטריבן און זיך פאַרשלאָסן.

דאָס מיידל האָט זיך מיט די הענט פאַרן פּאָנים אָנגעכאַפּט און אז זי האָט דערפילט די שוימיקע פליסיקייט אַף די שפּיצן פינגער אירע, איז זי צום שפּיגל צו, ריין זיך אָפּגעווישט, צוגעפּאַרבט די אויבערשטע ליפּ, וואָס איז פון שפּייעכץ בלאַסער געוואָרן, און ראַכמאָנעס געקראָגן אַפן אַלטן אידן, וואָס איז אויווער-באָטל געוואָרן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איין מינוט נאָר אזעלכע איז צו אים געקומען. אַ פאַרבלאָנדזשעטע מי-נוט פון פאַרגאַנגענע יאָרן. אַ מינוט אַזאַ האָט זיך צו אים מיטן פּאָנים אויס-געדרייט און אין אויער איינגערוימט:

— ביסט פֿון זינען אַראָפּ.

אָפּגעזאָגט און אַוועק, אויסגעלאָשן זיך, ווי אַ פֿונק אין אַ שטורעם־ווינט.

3.

הויקערדיקע טעג פֿון צעברעקלטע, ווינטערדיקע כאַדאָשים האָבן זיך צונויפגעקלעפּט אין איין גרויסן קאַליקע טאָג און באַם שלאָג־בוים, הינטערן שטאָט, ווי א טאַם, שטיין געבליבן און ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן און ניט געוואוסט, וואוהין ווייטער צו גיין.

פֿון שנייאיקע פֿעלדער ארום שטאָט זיינען גרויע מענטשן זיך צוזאמענגעקומען און אַפֿן שוועל פֿון שטאָט שטיין געבליבן און אַף עפּעס אָפּגעוואַרט. און נאָר ווייט, ערגעץ וואו אַף אַ פֿאַרוואָרפֿן שטעגל איז איינער, א פֿארכאַלעשטער מענטש געלעגן און אין שווערער בענקשאַפֿט לאַנגזאַם אויסגעגאַנגען. אין בענקשאַפֿט נאָך פֿארלוירענער האָפֿענונג, ווען עס איז צום שטאָט זיך דערלאַנגען. און אַפֿן פֿעלד, אף שנייאיקער ווייסקייט האָט זיין פֿאַרפֿרוירענער, אין בלוט און בלאָטע פֿאַרשמירטער פֿוס־באַנד, ווי אַ הינטישער ביין, זיך געוואלגערט, געפֿרוירן, אָפּגעגאַנגען און ווידער געפֿרוירן, און קיינער האָט ניט געפֿרעגט און קיינער האָט ניט געזוכט דעם פֿוס, וואָס איז מיטן באַנד פֿאַרבונדן געווען...

איז געשטאַנען שטאָט מיט שרעק פֿאַרשטיקטער אין הייזער און הייזעריק זיך געוואָרגן, און נאר זעלטן ווען אַ פּאָר קוילן אין שנייאיקער ווייסקייט פֿון ארום ארויסגעשפּיגן.

איז געקומען פֿון ליכטיקן, שנייאיקן פֿעלד אַ טאָג, דער לעצטער טאָג פֿון כאַדאָשים צעפּיצלטע און רויטע, רעציכעדיקע פּענימער האָבן אין שטאָט זיך געזאַמלט, איבערן שטאָט זיך צעזייט, איבער גאַסן און קראָמען, איבער הייזער און שטיבער און אין גרויען פֿאַרנאַכט האָבן זיי רויטע פֿאַקעלן פֿון דעכער געצונדן, און אין שווערן ייעש האָבן זיי טירן און פֿענסטער געבראָכן, פֿאַרשטיקטע הינטער סטעליעס יעלאָלעס, ווי צעפּליקטע בעטגעוואַנט, אף גאַסן ארויסגעוואָרפֿן, אָפּגעקילטע, פֿאַרגליווערטע פֿון שרעק, טונקל־רויטע בלוט געלאָזן און געפֿרייט זיך מיט דער שוואַרצקייט זייערער אף זויבערן שניי...

האָט זיך גערירט דער טאַם פֿון שלאָג־בוים און האָט לאָשן באַקומען, לידער שיקערע געזונגען, צונטער אין די אויגן געטראָגן און געמאָנט רו...

אין אַ ווינקל כיידער, מיט צעפּאַטלטע האָר, מיט אַ צעריסן קאַפּטל און אָפֿענער ברוסט, מיט רויט־פֿאַרשמאכטע ליפּן איז דאָס מיידל געלעגן... צווייען אין גרויען אָנגעטאָן, מיט רויטע פֿלאַמענדיקע פּענימער, מיט אויסגעשטשירעטע ציין, צווייען מיט ביקסן באַלאָדענע, צווייען אין ווילדער לוסט ברענענדיקע, צוויי אזעלכע פֿון ייעש משוגע־געוואָרענע זיינען געשטאַנען און האָבן זי אָנגעקוקט...

האָט איינער זיך געריסן צו איר מיט אויפגעריסענעם מויל צײנער, מיט אויפגעהויבענער איבערשטער ליפ,—האָט דער צווייטער אים פאַרהאַלטן:

— וואַרט... אין כאַלאַשעס איז עס ווי אַ שמאַטע...

און האָט זי שפּעטער א רעגע די אויגן אויפגעמאַכט, האָבן זיך ביידע מיטאַמאָל געריסן צו איר, האָט יעדערער פון זיי דער ערשטער געוואָלט ביי-קומען זי, האָט זיך ביינער-פלאַקער זייערער אין איין רעגע אָנגעצונדן, און זיי האָבן געשטופּט און געשטויסן איינער דעם אַנדערן:

— וואַרט... איך...

— איך...

— איך האָב דיר זי באַוויזן...

האָבן זיי אַ מינוט געקוקט איינע אַף די אנדערע, געקוקט אין ווילדער סינע און האַס און פּלוצים האָט זיך איינער אָנגערופן:

— נעם דיר דאָס גאַנצע געלט...

איז אַ ווײלע יענער געשטאַנען און געטראַכט און ניט געוואוסט, וואָס בעסער איז. נאָר איידער ער האָט נאָך באַוויזן אָפּצוטראַכטן, האָט אים פּאַר די אויגן עפּעס אַ ווייס און דורכזיכטיקס אַף אַ נאַקעטן פוס אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן אזוי, אז ס'האָט אים דעם קאָפּ און די געהירן צעמישט... האָט ער א שפּרונג געטאָן, ווי אַ קאַץ, אַפן כאַווער זיינעם, פון נאַקעטן פוס און גע-כאַלעשטן קערפּער אָפּגעריסן, איבערן קאָפּ אים אויפגעהויבן און אַף דער ערד אין צווייטן ווינקל אנידערגעזעצט. אנידערגעזעצט אפן קאָפּ, אנידערגעזעצט אַף בלייבן זיצן...

איז יענער געבליבן זיצן א ווײלע אפן צעשמעטערטן קאָפּ זיינעם, מיטן רוקן אָן וואַנט אָנגעשפּאַרט און דערנאָך, פּאַמעלעך זיך אויסגעגליטשט און אויסגעצויגן זיך מיטן בלאָ-געוואָרענעם פּאָנים ארויף, צום סטעליע צו, אַ וואָרף געטאָן זיך, ווי ער וואָלט אויפשטיין זיך געקליבן, און בלינד פאַרקוקט זיך מיט די פאַרגלעזערטע אויגן. און אז זי האָט ווידער די אויגן אויפגעעפנט און ער האָט פּאַמעלעך, מיט גוטע לאַסקעלעך צו איר זיך געגליטשט, איז אים פּלוצים דאָס באַשעפעניש מיטן בלינדן אויגל פאַר די אויגן אויסגעוואַקסן, מיט ביקס אין האַנט, מיט רויטן ציילעמל אפן היטל. מיטן שפּיז האָט ער אים דעם וועג פאַרצוימט און איבער איר קאָפּ געוויזן:

— זעסטו אין וואָסער שטוב דו ביסט?

און פלינק אַ ציילעמל איר אפן האַלז אַרויפגעוואָרפן...

און אז ער האָט דערזען אין צווייטן ווינקל דעם מיט די פאַרגלאָצטע אויגן צו סטעליע-צו, איז ער מיט אָנגעשטעלטן שפּיז און פאַרשניצטן בליק אין איינציקן אויגל געקראָכן אַף אים, געקראָכן ביז ער האָט אים פון שטוב ארויסבאַגלייט און אין הויף, מיט אָנגעשטעלטן שפּיז אַף בויך האָט ער אויס-געשריען:

— אנטלויף!

— — — — — — — — — — — — — — — —

איבער שטאָטישע גאַסן און פלעצער האָבן פון הייזער ארויסגעוואָרפענע יעלאָלעס זיך געוויקלט און, ווי רויך, זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און צום הימל אַוועק...

— — — — — — — — — — — — — — — —

בלינד-אויגל האָט דאָס מיידל אָפּגעמונטערט, אפּן דיוואַן אָפּגעטראָגן, איןביידע נאַקעטע ברוסטן פעטע קושן געגעבן און איינגעבעטן זיך באַ איר:

— איין מינוט... א רעגעלע, ניט מער...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אלטער איד האָט דורכן פענסטער געזען, ווי זיי האָבן ביידע גיך געשפאַנט צו די גויאישע גאַסן צו. באַם בלינד-אויגל אין האַנט איז אַ מאַרק-קוישל געווען מיט גרינס ביז אריבערן ראַנד פארפולט...

אלטער-בער האָט געוואוסט: אונטערן גרינס ליגט די צירונג אירע באַהאַלטן.

אלץ האָט ער געזען, אלטער-בער, און אלץ האָט זיך באַ אים פאריגלט און פאַרשלאָסן אין איין פאַרמאַכטן אייזערנעם דרייעק:

— אַלץ אָף נאַקעט!

— — — — — — — — — — — — — — — —

שפּעטער איז מער גאָרניט געשען. אין טונקל-בלויער נאַכט נאָר האָבן העלישע רויכן זיך צעוויקלט און ווייט אין הימל אריין פולע הויפנס האָלעוועשקעס און גאַנצע סנאָפּן פונקען געשאָטן. אומעטום איז אלטער-בער געווען און מיט היסלאַוועס אַלעמען דערציילט:

— אַלץ ט'זיך אָנגענומען...

אומעטום האָט ער געהאָלפן ראַטעווען און דאָס גאַנצע אָפּגעראַטעוועטע צו זיך געשלעפּט, צו זיין שטוב, און אַהין אין פייער דאָס געוואָרפן. און אַז ער האָט באַם שול דעם אַלטן שאַמעס געטראָפן, ווי יענער האָט זיך מיט אַ געסמאַליעטן סייפער פון דאָרט ארויסגעכאַפּט, האָט ער עס באַ אים פון די הענט ארויסגעריסן, אין רעכטן מיטן פלאַם צוריקגעוואָרפן און מוסערדיק זיך אויסגעבייזערט:

— שויטע...

און האָט אקעגנאיבער צו זיין שטוב אַוועקגעפירט און געוויזן:

— זעסטו?

און זיך פאַנאַנדערגעלאכט:

— אלץ אָף נאַקעט, שויטע איינער...

4.

ס'איז צו פרילינג געגאַנגען.

צעטראָטענער שניי איז פון סרייפע און פון יונגער זון צערונען געוואָרן

און צעגאַנגען, און גאַסן שוואַרצע אָפּגעדעקט, און אין רינשטאָק זיך געזאַמלט, און געלאָפן איילנדיק אַראָפּ, אַראָפּ, צום טייכל צו און דאָרט ערשט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און דאָרט ערשט זייער יונגן געלעכטער האָפערדיק פאַנאַנדערגעשאָטן איבער טייכל און איבער אָפּגעדעקטע וועלדער און פעלדער.

ס'איז צו פרילינג געגאַנגען און ס'איז נאָך עפּעס געבליבן אין שטאָט. שוואַרץ-פאַרויכערטע ווענט פון מויערן אָן דעכער, מיט פענסטער, ווי לעכער פון ארויסגעריסענע אויגן, זיינען דאָך געבליבן. האָט מען אף גיך אַ פּאָר ראַמען אַהין פאַרגלאָזט, אַ פּאָר טישן אין די כאַדאָרים צעשטעלט, עטלעכע בויגנס פּאַפּיר אויסגעשפּרייט, און יונגע מענטשן מיט פאַרשאַרפטע בליקן אין די אויגן, אין געלע פעלצלעך מיט געווער באַ דער זייט, אף די רימענס, האָבן מיט דריידלעך, איילנדיק, פּאַפּירלעך דאָרט אונטערגעשריבן. און אפן שפּיץ, דרויסן, אפן פלאַגשטאָק האָט מען אַ רויט שטיקל טוך אויפגעהאַנגען און ס'האָט, רייסנדיק זיך אין דער ווייט, געפלאַטערט איבער שטאָט, געפלאַטערט ליכטיקע טעג אַנטקעגן...

יאָ. ס'איז נאָך עפּעס געבליבן אין שטאָט.

הינטער פאַרהאַקטע מיט ברעטלעך טירן, צווישן נאַקעטע ווענט איז אַ פאַרטראָגענער אַלטער-בער געלעגן און האָט געזען, ווי אקעגנאיבער קומען זיך אידן צונויף און ריידן לאַנג און אמפּערן זיך שטאַרק און געפינען אויס:

— ס'איז ריכטיק, וואָס דער שאַמעס האָט דערציילט. אזא איינעם, וואָס איז קאָל-יאָמאָוו אַ איש כאָסיד געווען און אף דער עלטער נאָר אזוי שווער געשטראָפט געוואָרן, אזא איינעם טאָר מען פון דער איידע ניט אָפּלאָזן, אַזאַ איינעם מוז מען צו דער איידע צוריק אומקערן.

און אַ מיניען בערד האָט ער געזען, טרייסלען זיך און ליאַרעמען:

— מאַלקעס, מאַלקעס קומט אים...

האָט ער זיך אויפגעהויבן, גראָ-באַוואָקסענעם קאָפּ צווישן ברעטער ארייַנגעשטעלט און מיט שטאַרע אויגן געקוקט אף זיי, און אידן זיינען ניט אָפּגעטראָטן און נאָך נעענטער צו ברעטער צו, און אויסגערופן:

— הער אויס דוויוו-בער בען יסאָכאַר האַקויהען! די איידע דערקלערט דיר, אז דיר קומט מאַלקעס פאַר ווילדע מאַיסים בעשאַס דער סרייפע, טאָ גיי ארויס און באַקום מיט ליבשאַפט דאָס, וואָס דו האָסט פאַרדינט.

האָט ער ברעטער געריסן, האָט ער שרייען אָנגעהויבן, אָבער פאַר זיך אליין זיך דערשראָקן, קאָפּ ווייט פון ברעטער ארויסגערוקט און אף דער גאַנצער איידע אָנגעשפּיגן. האָבן אָבער אידן אלץ ניט אָפּגעטראָטן און צוויי פון זיי האָבן אים פאַרן קאָפּ אָנגעכאַפּט און צוויי אנדערע האָבן ברעטער אָפּגעריסן און צוויי דריטע האָבן אים אף די הענט געכאַפּט, אין צווייטן כיידער ארויסגעטראָגן, אַ רינג אַרום אים געמאַכט און געטריבן אים און געשמיסן אים מיט רימענס. און אַז ער האָט זיך אין שלאָפראָק פאַרדרייט און פאַרוויקלט און

אַוועקגעוואַלגערט זיך אַן איינגעהויקערטער איבער דער ערד, האָבן צוויי פּאָר געזונטע הענט אים אַ כאַפּ געטאָן, אין דער הויך אויפגעהויבן, דעם שלאָפּראָק פון אים אַראָפּגעשלעפּט, א נאַקעטן אף דער ערד אויסגעצויגן און זיי און אלע איבעריקע האָבן אויסגעדארט בלוי לייב זיינס געפּאַסעוועט און עפּעס געמור-מלט, געפּאסעוועט און געמורמלט, און בלינד-אויגל האָט פּלוצים זיך אויסגע-צויגן צוזאמען מיט אים און אריינגערוימט אים אין אויער אריין:

— בעט מעכילע... בעט מעכילע...

האָט ער דעם קאָפּ אויפגעהויבן און מיט בלוטיקן שוים אף די ליפּן ארויסגעשטאַמלט:

— זייט מיר מויכל, אידן...

---

טראָפּנווייז, טראָפּנווייז זיינען געדאכטע בערד צערונען געוואָרן און פארשוואונדן, און שטיל איז געוואָרן באַ אַלטן אידן אין האַרץ און פעסטער צו דער ערד האָט ער זיך מיט נאקעטן לייב געדריקט און געקוויקט זיך מיט דער קילקייט און פרישקייט אירער, און געציטערט אין לעצטן אָטעם. און אין א רעגע אַרום, אז עס האָט זיך באַוויזן דאָס מיידל מיט די רויטע ליפּעלעך, האָט ער זיך פון אָרט אויפגעריסן, עפּעס זאָגן געוואָלט און איז אָבער גלייך צוריק אוועקגעפאַלן.

אלטער-בער איז געבליבן ליגן אליין צווישן פארויכערטע ווענט, פאַר-האַקטע מיט ברעטער-טירן, אליין אין זיין בלויער נאַקעטקייט, ווי אַן אָפּגע-שונדענע כאַיע.

יונגע ליכט פון פריען פרילינג האָט דורך פאַרשלאָגענע מיט ברעטער פענסטער אין ביידער צו אים זיך אַריינגעריסן און בלויע, נאַקעטע לייב זיינע באשיינט און באלויכטן.

---

קינדער-טאַינע

עטעלען.

איך בין געלעגען מיט א קינד אין אַ גאָלדענעם טאָג אפן לאנד. מיר האבן זיך געוואלגערט אין צווייען אפן שיפּוי פון א בערגל, אף גרין זיידענעם גראָז. צופוסנס האבן זיך רואיק בלוילעך-גלאנצנדיקע רעלסן געצויגן, באהאלטן אין כאלעל צווישן בערגלעך פארוויקלט אין זיג-זאגן און פארלאָרן אין האריזאנט, אין די אומבאקאנטע ווייטענישן אריין. צוקאָפּנס האט א שווארץ וועלדל ווייך גערוישט. ס'איז לויטער הימל געוועז און רואיק איז ערד געלעגן. פליגעלעך האבן זארגלאז און שטיפעריש צווישן גראז דעם צווייטן האלבן טאג זייערן — זייער איינציקע אייביקייט — דערשפרונגען. ס'איז לויטערער מיין מענטשלעך געמיט געווארן. מיין באוואוסטזיין האט אין יענעם טאָג זיך געקלארט און מיין הארט הארץ האט זיך געווייכט...

וואו איז דען גליק פון זיין, אויסער די ווייכע זיידן-האר פון מאמע-ערד?

וואו איז דען נאך פאראן ליכט דערקוויקנדיקער, אויסער ליכטיקייט פון בלויע רוימען?

איז דען שענערס עפּעס פאראן פאר מענטשן-קינדס אויג ווען, אויסער פעלד און וואלד מיט זונען-ליכט באגאסענע?

איך בין געלעגן מיט א קינד אין א גאלדענעם טאג אפן לאנד...

מיט אירע בלויע אויגעלעך האט מיין קליינע כאווערטע לויטערקייט פון טכיילעס-רוימען געזויגן און ארויסגעשטראלט אף מיר מיט איר און געצערטלט מיך, און געוואָרעמט מיך און נאך ווייכער מיין פארהארטעוועט הארץ געמאכט...

אז זונען-ליכט ווערט אין גאלד געשמאלצן און באגיסט דערמיט די קאַרעדיקע הויט פין דער ערד — דאכט זיך, אז ערד שיילט פון זיך לישאיעס אירע אראפּ, דאכט זיך, אז ערד ווערט איבעראַנייס יונג און אומשולדיק...

אז מענטשן-הארץ ווערט אויסגעדארט און הארט פון נאקעטן וואלגערן זיך אונטער זון און רעגן, אונטער שניי און פראסט, אין געשלעגן הארטע, איינגעשפּאַרט-מעשוגענע, קלייבט ער אויס אזא גאלדן-טאג, אנטלויפט פון שטאט און יישעוו, צום טייך, צום וואסער, וויקלט זיך אויס אין זיינע ברייטקייטן, מעסט אויס די טיפקייטן זיינע און קומט ארויס פון דארט אזא שטיל-בארוטער, מיט אזוי פיל אנגעשעפּטן ליכטיקן גלויבן, אז עס קאן דאך קיינס און קיינער די זון אים ניט פארשטעלן...

אזוי האט מיין אויסגעמאטערט האַרץ אין יענעם גאָלדן־טאָג א הימן דער ערד געזונגען פאַר א מינוט זיסע רו...

איך בין געלעגן מיט א קינד, אין יענעם גאָלדן־טאָג, אפן לאַנד און האָב גליק פולע עמערס, ווי קילן וואַסער פון א טיפן ברונען אין א הייסן זו־מער־טאָג, פון דער לויטערער שטילקייט געשעפּט ביז, ביז...

ביז דאָס קינד האָט זיך אָן איר טאַינע דערמאַנט.

אַז עס וואַלגערט זיך אַזאַ גאָלדן באַשעפעניש אַף דער ערד, מיט פליגעלעך און ווערימלעך אין כאַוועטשאַפט און ברודערשאַפט זויגט עס מיט די אויגעלעך דאָס ביסל לויטערקייט, וואָס ס׳דאַרף, גלעט עס אויס די ערד מיט די גו־זעלעך וויפל עס גלוסט זיך נאַר און, א זאַטע פון לויטערקייט און ערדן־זאַפט, דערמאָנט עס זיך אָן פאַרוואונדעטע קליינעס הערצעלע, אָן א ווייטאַקדיק וואַ־ווּעלע... שפּיצט עס אויערלעך אָן, לייגט זיי צו דער ערד צו און מורמלט אזוי געהיימענספול.

— פּעטער, ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ פון דער ערד.

— ס׳דאַכט זיך דיר, מיין קינד.

ניין... בויג זיך אָן, הער.

און מיטאמאָל גיט עס א פרעג אזוי נייגעריק, מיט אַזעלכע ווייך בע־טנדיקע אויגעלעך:

— די ערד האָט דאָך א האַרץ, פּעטער, אַיאָ!

— יאָ.

— הער איך, ווי עס קלאַפּט.

און מיט א בליק, וואָס האָט אויפגעכאַפּט א ניי, ניט אינגאַנצן נאָך אויסגעקלאָרטן געדאַנק, פרעגט עס:

— און וועלט האָט א האַרץ?

און גלייך זיך אַליין געענטפערט:

— ניין.

— פון וואַנען ווייסטו, קינד?

— וועלט האָט מיין פּאַפּאַ דערשלונגען.

— ווער זאָגט עס?

— די מאַמאַ, די אַלטע באָבע, אַלע...

— וואָס איז וועלט, גאָלדן קינד?

— כ׳ווייס ניט... אַזאַ גרויסע כאַיע, מיסטאָמע. אַסאַך פּאַפּאַס האָט זי דערשלונגען. — ניונעס... זשושעס... ליאַלעס... אַלע פּאַפּאַס...

און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קעפּל, קינדיש פּאַרטראַכט דערציילט עס מיר מיין קליינע כאַוועטע:

— ערד האָט א האַרץ, ערד יאָ, איך הער ווי זי קלאַפּט. און וועלט ניט... ניט...

און אַז הויבט זי גאָר אויף דעם קעפּל אירן און מאָנט בא מיר מיט די אומעטיק-געוואָרענע בלויע אויגעלעך.

— וואו איז וועלט, פּעטער? וואו? וואו?

און אַז פון די פאַרדרייטע, איינגעפּלאַכטענע איינע אין די צווייטע בערגלעך שלייכט זיך גליטשנדיק און ברייט סאַפּנדיק אַ צוג אַרויס, לויפט אים נאָך דאָס פאַראומערטע קינד, לויפט אים נאָך מיט אירע יונגע פיסלעך און זוכט אין די קליינע פענסטערלעך דעם געשטאַלט פון איר פּאַפּאַן. און אַז דער צוג שטעלט זיך אָפּ, וואַרט זי אויס ביז אַלע גייען אַרויס פון אים און קוקט אין די אויגן יעדערן אַריין און מיט אַ פאַרקלעמט הערצל בלאַנדזשעט עס צווישן די אַנגעקומענע אַרום און זוכט דעם פּאַפּאַן אירן, אַף די אַקסל אים צו שפּרינגען און פרעגן, פאַרוואָס איז ער אַזוי לאַנג פון דער וועלט ניט געקומען. און אַז זי געפינט אים דאָך ניט, יאָגט זי אָן ווען ס'ניט איז, שטעלט אים אָפּ און פרעגט.

— איר קומט פון דער וועלט?

— ניין קינד, פון שטאָט.

— און ווען קומט אַ צוג פון דער וועלט?

— ?

— אין וועלכער זייט איז וועלט?

— ? ?

— וועלט האָט אַ האַרץ?

— ? ? ?

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיין קינד מיטן פאַרקלעמטן הערצל האָט זיך צוריק צו מיר אומגעקערט.

— וואָס האָט דיר געזאָגט דער פּעטער?

— גאָרניט. ער האָט געהייסן שפּילן.

שפּאַנט דאָס קינד מיר שטיל באַם זייט און קלאָגט זיך:

— קיינער ווייס ניט... קיינער ווייס ניט, וואו וועלט איז און ווען קומט אַ צוג פון דאָרטן.

און איך ווייס אויך ניט. איך האָב גאָרניט וואָס צו זאָגן מיין פאַראומערט קינד און גיי מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און שעם זיך...

וואָס זאָל איך אַזאַ קינד דערציילן?

אַז עס איז נאָך יונג אַזוי און האָט אַ ראָזלעך-צאַרטע הויט... אַז ס'איז ניט רייף נאָך פאַר וועלט און קאָן אומזיסט צעריבן ווערן...

אָבער אַז קינד באַרואיקט זיך ניט און לאָזט מיך ניט אָפּ:

— איך האָב געמיינט, פּעטער, אַז אַלץ ווייסטו. און, אָט, וואו וועלט איז ווייסטו ניט...

— וואו וועלט איז ווייס איך, קינד.

— וואו? וואו?

ווי ווייט איז דאָס פון אַזאַ איינעם, ווי איך, צו קינד און קינדערשע פאַר-לאַנגען און צוזאָגן?

— מאָרגן קינד, מאָרגן ווייז איך דיר, וואו וועלט איז.

— מאָרגן... מאָרגן...

און היינט?

וואָס איז דען היינט גרינע ערד, וואָס איז דען היינט לויטערער רוים, וואָס איז דען היינט גליק פון בלויע וואסערן קעגן טאַינעס פון מיין פאַר-אומערט קינד:

— וועלט האָט קיין הארץ.

— וועלט האָט מיין פאַפּאַ דערשלונגען, אלע פאַפּאַס...

— ווייז מיר וועלט, פעטער!

טראכט איך אויס און דערצייל מיין קינד:

— שאַ, קינדעלע, שריי ניט. וועלטס האַרץ איז קראנק, געשוואָלן...

— קראַנק? און ווער היילט זי?

— מיר היילן זי. מיט בלוט טראָפּנס. פרישע בלוט דאַרף וועלט. אַן אַלטע באַשעפעניש אזא איז וועלט מיט אַן אָפּגעשוואַכט האַרץ, — דעריבער הערסטו ניט, ווי זי קלאַפּט. דאַרף מען בלוט פון יונגע הערצלעך אפּצאפּן און ארייַנשפּריצן אין איר, אין וועלטס האַרץ אריין, וועט זי אויסגעהיילט ווערן.

— יאָ? און פאַפּאַ וועט קומען?

— יאָ. און פאַפּאַ וועט קומען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין געלעגן מיט אַ קינד אין אַ גאלדענעם טאָג אפן לאַנד. מיר האָבן זיך געוואַלגערט אין צווייגן אפן שיפּוע פון אַ בערגל, אף גרין-זיידע-נעם גראָז. אין גאלד צעשמאלצענע זון האָט דעם ראַנד פון דער ערד געקושט און מיר איז שווער געוואָרן, און מיר איז שווערער נאך געוואָרן צו טראָגן דאָס קליינע פּעקעלע טאַינעס פון מיין קינד. און איך האָב געגרייט זיך אף מארגן אוועק צוריק אין הארטן קאַמף אריין, מיין צוזאג האַלטן — א טראָפּן בלוט פון אייגן הארץ צו רעפוּע דער וועלט אָפּצאַפּן...

דער וויקואַך

אָט אַזוי זײַנען זיי אָפּגעזעסן אַ לאַנגע, בלויע ווינטערנאַכט, אין דער אַלטער גרויסער שטוב מיט די שטומע שאָטנס פון זיידעס און עלטער-זיידעס מיט לאַנגע זילבער-בערד אין די טונקעלע ווינקלען, מיטן פאַרשטויבטן אומעט פון אייביקייט-שכינע מיט אָפּגעהאַקטע פליגל צווישן גלעזערנע שאַפעס מיט ספאָרים, מיט דער האַרציקער איבערגעגעבנקייט איינער דעם צווייטן און מיט ווילדער פרעמדקייט—און געפּירט זייער וויקואך.

ניט ביידע האָבן גלייך עס געוואָלט.

ניט ביידע זײַנען פון איין עלטער געווען.

ניט די וועגן זייערע האָבן זיך גלייך געצויגן, האַנט באַ האַנט. נאָר דער ציל האָט פון ערגעץ-וואו, פון די ווייטסטע ווייטענישן, פון די אומבאַקאַנטע צוקונפטן, ווי אַ קליין פינקלדיק שטערנדל, ארויסגעשימערט און, ציטערנדיק, ביידן גלייך געוואונקען און גערופן:

— צו מיר, צו מיר קומט, אין מיין ליכטן-שויס וועל איך אייך פאַרוויקלען, זונען וועל איך פאַר אייך צעשמעלצן און טוט מיט זיי, וואָס איר ווילט...

נאָר דער ציל איז פאר ביידן איינער געווען.

נאָר פון איין שטאם זײַנען ביידע געווען.

פון איין שטאם, אָבער פון צוויי טקופעס,—אַלטער טאַטע און יונגער זון.

האבן געשעענישן אף אַ מינוט, ווי וועלן אין א ברויזנדן יאַם אַ שפּענדעלע, אים, דעם יונגן זון, אין אַלטן טאַטעס ארעמס פארווארפן. האָבן אַלטע קלוג-געניטע אויגן היינטער זילבער-ברעמען א שטילע טרער פארלאָזט און געבעטן:

— דערצייל מיר, זון מיין, וואו און ווי און מיט וואָס דו לעבסט—דערצייל אן אלטן טאַטן.

האָט אַ פלאטער געטאָן אַזאַ גאָלד-פאַרקרייזלט קליין בערדל, האבן אויפגעפינקלט אַ פּאָר שווארצאפלען היינטער ברילן-גלעזלעך און צוויי ליכטיקע שטערנדלעך אין זיי אויפגעהעלט, האָט מיט אַ שמייכל אויפגעלויכטן אַ ליכטיקער פּאָנים אַזאַ:

— צו וואָס, טאַטע?

און עטוואָס, א קלײנער ציטער נאָר, האָט געכאַפּט דעם אין טונקעלען גאלד אײנגעפּאַסטן קאָפּ. נאָר אַ קלײן דורכזיכטיק וואָלקנדל האָט באַדעקט אַ גרויסן ווײסן שטערן.

— ווײסטו דען אלײן ניט?

— ביסט נאך אלץ אף יענע וועגן?

— יאָ, טאַטע.

— און וואס ביסטו אהער געקומען?

— עס פאַרדריסט דיר דען?

— נײן... אבער דאָ וועסטו גאָרניט מאַכן.

— זײ מיר ניט קײן סוינע, טאַטע. אונזערע וועגן האָבן זיך דאך שוין לאנג צעשײדט...

— יאָ... ביסטו דען דערגאַנגען אָבער אַף מײן וועג ביזן סאָף? האָט עפּעס וואָס דען דיך איבערגעצײגט, אז מײן וועג לאזט זיך אויס מיט גאָרניט? ביסט דאָך פון מיטן אוועק... זיך אפּגעריסן, אוועק און אנגעהויבן אלץ פון דאָס נײ.

און אן אלטער גרויער קאָפּ רײסט זיך אין דערהויך ארויף, און שטאָלץ אזוי קלינגט אן אלטע שטים:

— און ווען אַ וואַנדערער וואַרפט זיך יעדער מינוט אין דער זײט, אף הינטער-וועגלעך און פאַרדרײטע שטעגלעך, וועט ער דען דערגײן ווען עס איז וואוהין עס איז? און וואָס זײנען מיר דאָ, אויב ניט קײן דורכגײער, ארעמע וואַנדערער?

און שטיל בעטענדיק אזוי:

— קום מיט מיר, מײן זון. אן אויסגעפּרוואוטער אלטער וועג איז מײנער... עלטער-זײדעס און זײדעס האָב איך הינטער זיך געלאָזט... און אָן אַ שטרויכלונג איז דער וועג—אײנגאַנצן פּאָראויסגעזען דורך זײ, ביז אין קעק ארײן... און צו וואָס זײנען זײ געבליבן הינטער מיר, אז דו ביסט אין דער זײט אוועק? און צו וואָס איז דער גאנצער וועג מיט זײ פּארזײט? קום מיט מיר, מײן זון. איך וועל שוין ווײט ניט גײן, אָבער מיטן לעצטן בליק וועל איך דײן ווײטערדיקן שפּאַן אויפכאַפּן... וועסט ווײטער גײן, ווײטער, און ציען אזוי דעם שנור און פארלענגערן דעם וועג, אונזער וועג, און דערנענטערן צו זיך דעם סאָף און קירצער מאַכן די שטרעקע צו דער געאולע...

אין מיט טויזנט-יאָריקן טרויער:

— מיר זײנען דאָך נאָך אין ערגעץ ניט געקומען! אין מיטן וועג זײנען מיר. לאָזטו מיר אלײן, ווערט עס אפּגעהאַקט, אָפּגעריסן און פאַרלאָרן. ווער וועט ציען ווײטער דעם שנור?

— איך צי אים, טאַטע.

— דו ביסט אוועק פון מיר.

— איך בין אינגער, זע איך שאַרפער, גײ איך מיט קירצערע וועגן.

— מיט פרעמדע וועגן.

— וואָס איז פרעמד, ווען דו גייסט צו אַלץ?

— אַלץ איז גאָרניט, זון, אַלץ איז,—קוק דורכן פענסטער ארויס,—דער גאנצער בלויער הימל מיט די מיליאָסן שטערן אף אים. לייכט ער דען אונז אין שטוב אריין? אבער אונזער פארויכערדט לעמפל אין זיין טונקל-רויט פלעמל איז עפּעס. פארלעש דאָס לעמפל, ווערט פינסטער אין שטוב. אַלץ—שטערן—לייכטן שוואַך, פינקלען קוים... עפּעס—שוואַך פלעמל—באַלייכט מיר דיין געזיכט, טוק איך זיך אין אים און ווער דערפרייט. אַלץ, זון, איז די גאנצע וועלט, אלע פעלקער, אלע ברואים. עפּעס—ביסטו, דיין גוף, דו, מיינס, דער אנדענק פון מיין זיין, פון מיין געוועזן...

ון שטיל אזוי און אָרעם:

— פארלירסטו אַלץ, פארלירסטו גאָרניט. פארלירסטו עפּעס, פאַרלירסטו אַלץ. מיר זיינען דאָך עפּעס, דאַרפן מיר עפּעס האָבן.

— דיין מאַכשאָווע, טאַטע, האָט אָנגעבראָכענע פליגל, פויזעט זי אף דרערד און זוכט נאָר עפּעס.

— דיינע מאַכשאָוועס, זון, פליען אין די הימלען, האָבן זיי עפּעס אויך ניט, האָבן זיי גאָרניט.

און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער ציט עס זיך אין דער שטילער בלויער נאַכט אריין. אלטער גרויער קאָפּ איז אָנגעלאָדן מיט געדיכט-פאַרהאַרטעוועטע שטיקלעך סייכל, פון גרויסע ספאָרים-שאַפעס אויסגעזויגענע, פון אָפּגעלעבטע דוירעס איבערגעבליבענע, פון אויסגעטראָטענע וועגן אָנגעזאַמלטע. יונג געקרייזלטער טונקל-גאָלדענער קאָפּ איז אָנגעהויכט מיט זונען-ליכט, מיט רוימען-ברייטקייט, מיטן אָטעם פון דער וועלט. שיטן אלטע ליפּן גיך און פיל גאנצע בערג האַרטע שטיינער פון טויזנט-יאָריקע כורועס. שטיין נאָך שטיין, ציגל נאָך ציגל. דאָס האָט עלטערזיידע איינגעפונדעוועט, דאָס האָט זיידע איינגעשטעלט, דאָס האָט טאַטע דאָ פאַרלייגט... יונגע ליפּן שמייכלען נאָר, שמייכלע זיך שטיל אזוי און ריידן אזוי ווייניק... אז ס'שווימט אין די ברייטקייטן פון דער וועלט, אז ס'פילט די מאָס פון אַלץ. רייסט עס דעם וויקואַך איבער און פירט אלטן טאַטן צום פענסטער צו:

— זעסט, טאַטע, עס טאָגט שוין באַלד, עס גראַט שוין.

און —

— הער זיך איין.

שטעלן זיך אויף אלטע אויערן. שטרענגט זיך אָן אַן אַלטער גרויער קאָפּ. וויקלען זיך קלאַנגען פון ברייטן שליאַך-וועג, ווייך אזוי און רואיק און זיכער, ווי וועלן פרישער טוי אין א יונגן פריליינגס-באַגינען:

„דאָס איז שוין דער לעצטער
און אַנטשיידענער שלאַכט”...

און אַ שאַלן הערט זיך. א רוף אַזאַ, אין באַגינען אריין. פרעגט באאומ-רואיקט דער אלטער:

— וואָס באטייט עס? דער שאַלן וואָס הייסט?

— צונויפזאמלונג. דאָס רופט מען אונז צונויף, טאַטע.

— און... דו גייסט אוועק מיט זיי?

— יאָ. מיטן קירצסטן וועג.

ווערט עס רואיק אזוי ארויסגערעדט, מיט אַזאַ שטיל-זיכערן שמייכעלע, אז אלטע פיס וואקלען זיך און ליפן שטאמלען נאָר:

— מיטן קירצסטן וועג... וואוהין?

— זאָל זיין צו דער גאולה.

— צו וועמעס?

— צו אלעמענס. און צו דיינער, טאַטע. זיי געזונט.

און אוועק.

אז עס גראט אף טאג און אז מען רופט, גייט יונגער פון אלטער שטוב און פון אלטן טאַטן נאכן רוף אוועק. בלייבט צווישן שטומע שאָטנס פון על-טער-זיידעס אין די טונקעלע ווינקלען באַ טונקל-רויט פלעמל פון פארויכערטן לעמפל אליין דער אלטער איד און טראַכט שטיל אזוי:

„אַ זון האָב איך דערצויגן, ער זאָל אף ברייטע רוסישע וועגן אומרו זייען... די גאולה דארט זוכן...״

נאר אין אַ מינוט ארום, אז ס'פאלט זיין בליק אפן צאנקנדיקן פלעמל פון לעמפל, ווי יענער ווארפט זיך אין אלע זייטן און ציט זיך אין היסלאוועס ארויף, צום הימל צו, פאלט אים איין:

„און עפשער... עס ווייס דען עמיצער פון וועלכער זייט די ליכטיקע בסורע דארף קומען?״

און אלטער וואנט-זייגער קלאַפּט הייזעריק צו צום טאַקט, ווי איינשטי-מענדיק מיטן טונקעלן פלעמל און אלטינקן אידן אין זייערע שטילע היסלא-וועס און שווערע ספייקעס:

— טיק-טאַק, טיק-טאַק, טיק-טאַק.

— עס ווייס דען עמיצער פון וועלכער זייט די ליכטיקע בסורע וועט קומען?...

---

קאָמיסאַרן

ש. ראסינען.

.1

אַ גאַנצן טאָג האָט געשנייט.

אַ גאַנצן טאָג האָבן ווינטן פאַנאַנדערגעבוּנדענע מיטן שווּעבנדיקן שניי געשטיפּט און אים אין לופטיקן טאַנץ געדרייט.

אַ גאַנצן טאָג.

אַ שטילער טאַנץ מיט קליינע האפּסאָקעלעך. שניי און ווינטן טאנצן און שפּילן אין באהעלטעניש: ווינטן אנטלויפן אף א ווײַלע אין וואלד און באַהאלטן זיך הינטער אלטע בוימער. שנייען לייגן זיך אויס אף דרערד, ווי געשטאָרבענע, מיט א פארהאלטענעם אָטעם. גראָער הימל קוקט אף ווייסער ערד אראָפּ א פארטראכטער און קוויקט זיך מיט דער שטיפערישקייט פון זײַנע ווינטער-קינדער—שניי און ווינט.

און דערנאָך—

דערנאָך קומען זיי צוריק צופליען. פּראָסטיק לאכנדיקע דרייען זיי זיך ווידער אין זייער לופטיקן טאנץ.

נאָר ווינטער-טאָג איז קורציאָריק. ווינטער-טאָג הויבט אָן פארגיין אײדער ער קומט נאָך אָן. ליכט אום ווינטער גייט מיט שניי אין נידעריקן הימל פארוויקלט און פארהילט מיט א זייטיקן וועג אזוי, אז אף דער ערד זעט מען קוים דעם ווייטן אָפּשײַן. און ווינטער-פארנאכטן זײַנען לאנגע.

.2

באם וואָקזאל זײַנען הײַזלעך געשטאנען שטום און פארלאָזט. וואָקזאל אַליין איז ווי א שטומער שוימער געשטאנען מיט טורעם און שפּיץ אין הימל ארײַן, מיט פארגרינטן אויגל אין טורעם און האָט שטיל געדרעמלט איבער די שטומע וועגן.

אן אײַנזאמער לאָקאָמאָטיוו איז ווי א פארסאמטער ארומגעלאָפן הין און צוריק איבער די רעלסן, אלע מינוט אײַלנדיק זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעפייפט זיך, ארונטערגעלאָזט פון זײַנע געדערים דאָס איבעריקע ביסל ברודיקע וואַסער, אָנגעהאנגען אף זיך א פּאָר וואגאָנעס, געשלעפּט זיי, צונויפגעשטעלט און ווידער איבער די רעלסן זיך געטראָגן.

אומעטיק איז דאָ געווען, אַף דער שווארצער נעץ פון אייזערנע וועגן. גרויע שאָטנס אין סאָלדאטן-קליידער האָבן ארומגעבלאָנקעט הין און צוריק שטום און פינסטער. און האָבן צווייען זיך באגעגנט, איז קיין אנדער רייד ניט געווען:

— שוין ווידער אַף די רויט-הינטנדיקע..

— יאָ... אַך, וועלן זיי שמייסן אין די ווייסע הינטנס אריין.

און נאָר א שיקערער פלעגט מיט מוט זיך אָנעמען און אוועק צו די פארוואָרפענע הייזלעך, זוכן, נישטערן, די שיקערע געשאָמע אַף א לעבעדיקן מענטשן פון שטעטל אויסבייטן און זיך דערוויסן, וועמען וואָרטן זיי, אָט די פארשטיקטע אין זיך, דערשראָקענע פויערלעך, ניט שוין זשע טאקע די רויט-הינטנדיקע, ניט שוין זשע טאקע די, וואָס עסן מענטשן לעבעדיקערהייט? טאָ צו וואָס זשע דארף ער זיך שלעפן מיט די און ווארטן ביז מען וועט אים לע-בעדיקערהייט דערשלינגען? וועט ער בעסער אליין אוועק צו זיי: נא, עס אויף דאָס שטיקל פארלייזיקטע לייב...

נאָר דערפל איז פוסט, ווי נאָך א מאגייפע, און ס׳איז ניטאָ מיט וועמען און צו וועמען אוועק. פלעגט ער זיך אָפּשטעלן און וואקלענדיק אָפּגעבן זיין ביסל אשטאָנעס און פארטראכטן זיך אַף די געלע, געדרייטע שנירעלעך אפן שנײ און אים פלעגט שטארק פארדריסן, וואָס עס איז אים פריער ניט איינגע-פאלן אפן שנײ דאָ אָנשרייבן און פרעגן, אַף וועמען ווארטן זיי, אָט די שטי-לע פויערימלעך מיטן באהאלטענעם מיין אין די בערד. און ער פלעגט זיך קוועטשן און זוכן בא זיך נאָך א פּאָר טראָפּנס: עפשער וועט זיך אים דאָך איינגעבן צו איבערלאָזן זיי א געשריפטסל אפן שנײ, א בריוועלע צו די פוי-ערימלעך מיט א שאילע: אַף וועמען ווארטן זיי. נאָר אז עס פלעגט אים גאָר-ניט העלפן, אז ער האָט קיין טראָפּנס מער בא זיך ניט געפונען, קריכט ער אוועק וואקלענדיק און ס׳איז אים אומעטיק און שווער צו זיין אליין אַף אזא גרויסן ווייסן שטעטל. קריכט ער אריין אין וואגאָן און קלאפּט מיט די פיס אין די ווענט און שילט זיך און שרייט:

— פיר שוין, פיר, צו אלדי טייוול!

און די איבעריקע האלטן אונטער:

— דריי שוין, דריי, קרומער האורילקע!

און אלע פארציען אן אומעטיק ליד פון די ברייטע פעלדער, ערגעץ אַף יענער זייט, בא די טאטעס און ברידער, וואָס האָבן דעם מיין פון זייערע בערד ארויסגענומען און שיקן אן אַף זיי רויט-הינטנדיקע, זיי זאָלן זיי איפּעסן. און אלע כאפּן אונטער הויך דאָס ליד און פארגייען זיך אין בענקעניש אהיים, פון וואנען מען האָט זיי מיט א בלישטשנדיקן פּיצל פאלשן גאָלד ארויסגע-נארט, פאר ווייס-הינטנדיקע געמאכט און אלע שאָלעמדיקע וועגן צוריק פא-ריגלט און פארשלאָסן פאר זיי.

.3

אונטער דער ערד, אין א קעלער, ניט ווײט פון וואָקזאַל האָבן פיר מענטשן זיך בּאַראַטן.

איינער האָט דעם באַריכט אָפּגעגעבן:

— צוויי באַנאַכט גייט אָפּ דער עשעלאָן. 1500 שפּיזן. לאָקאָמאָטיוו— ליטר „ב שטש", אַמעריקאַנער סיסטעם.

אונטער דער ערד, אין א קעלער א קורצע באַראַטונג אזא.

אויף א קאַסטן איז א ליכט געשטאַנען, א ווײַסער בויגן פּאַפּיר איז דאָרט געלעגן און אַלע מינוט האָבן זיך צום קאַסטן אויסגעדרייט און צום פּאַ־פּיר צוגעפאַלן פיר שטרענגע, שטום-ערנסטע פּנימער. מיט דורשטיקע אויגן האָבן זיי די פּאָר שטריכן אַפן פּאַפּיר געשלונגען, מיט די שוואַרצע נעגל איבער זיי געצייכנט און געפירט און דער, וואָס האָט דעם באַריכט אָפּגעגעבן, האָט יעדע ווײַלע אַן אָפּגעגריזשעטע פּיצל בלײַשטיפט אין מויל געגעצט און די שטריכן ווײַטער געצויגן, פאַריכט און טיפער, בוילעטער אַפן ברודיקן פּאַפּיר געמאַכט.

יעדער בליק זייערער איז געווען ביז העל אָנגעגליט און ביז שאַרף פון נאָדל פאַרשפּיצט און פאַרשאַרפט. יעדנס פאַראַקשנטער בליק האָט דעם צווייטן צום טויזנט ערשטן מאָל דערציילט:

— געכטן זיינען פיר „קאַמיסאַרן" באַם ווענטל געשטאַנען...

און היינט?... און מאָרגן?...

נאָר בליק פון באַריכט-אָפּגעבער איז שטייפער פון אַלע איבעריקע גע־ווען. בליק פון באַריכט-אָפּגעבער האָט געבראַכט מיט זיך פון דרויסן לופט פון רוים, ניט פאַרצאַמטע אין קעלער-ווענט, און באַריכט-אָפּגעבער איז געווען אומגעדולדיקער פון די איבעריקע.

— ווי א האָר פון מילך אַרויסציען...

און אַלע האָבן געלאַכט:

— ווי א האָר פון מילך אַרויסציען—א צוג מיט 1500 שפּיזן אויסדרייען ווי מע באַדאַרף...

נאָר געלעכטער האָט זיך קורץ אָפּגעריסן. פּיבער-שטראָם האָט ווידער אין די אָדערן פון פיר קאַמיסאַרן אויפגעציטערט. זיינען זיי צום בויגן פּאַפּיר ווידער צוגעפאַלן און גיך-גיך געפירט איבער אים מיט די שוואַרצע נעגל:

— באַן-ווייזער.

— 50.000 קלאַפּטער.

— לאָקאָמאָטיוו „ב. שטש".

— 20.000 קלאַפּטער א שאָ.

— דריטהאַלבן שאָ אַפן ערגסטן פאַל.

און באַריכט-אָפּגעבער קוועלט שוין ווידער:

— קאַמיסאַריאַטלעך, ווי א האָר פון מילך אַרויסציען!

.4

ניט שטענדיק כאווערט זיך די יוגנט מיט גליק פון צוזאג אין שמייכלענדיקן מיידל-בליק, מיט פלאטער פון קליידל אף באגערנדיקן מיידל-קערפּער.

עס טרעפן זיך טעג, ווען אפּגענארטע יוגנט ווערט גיך געניט און פאר-באהאלט איר גאנצע פארשייטקייט און אקשאנעסדיקן ווילן:

— איבערמאכן!

יוגנט טאר מען ניט גענארן...

אין שניי פארדרייטער נאכט האט זיך אויסגעצויגן קעגן וואקזאל א לאנ-גער, רויטער ווארים מיטן שווארצן קאפּ און העלישן אויג אין אים.

עשעלאן איז פארטיק געווען און רואיק איז געפאלן דער בליק פון טו-רעם-אויגל אף אים.

איז שטיל געווארן אין די וואגאנעס. ליד פון פארלאזטער היים האט אויסגעמאטערט און איינגעשלעפערט, און מידע, אפּגענארטע יוגנט איז איינ-געשלאפן אין קינדיש פארבענקטער האפענונג:

— מע וועט דאך ערגעץ אוועקפירן היינט באנאכט...

און נאר דער קאפּ פון ווארים—זידנדיקער קעסל-לאקאמאטיוו—איז וואך געוועזן און האט געארבעט. ער איז א גאנצן אוונט, ווי א פארסאמטע מויז, ארומגעלאפן און אלע טיילן פון זיין לאנגן גוף צונויפגעקליבן, און איצט איז ער גרייט אין דער ווייט זיך טראגן.

נאר אומעטיק איז עס דאך.

קיינער איז אין וועג ניט זיכער.

אפּגעהאקט און שרעקנדיק ווערן ווערטער געווארפן:

— גרייט?

— גרייט.

— בא דער מאשין?

— דער הויפּט פון ליניע-קרייז.

— וואך?

— אפן ארט.

— באם ווייזער?

— דער הויפּט פון סטאנציע.

— אפּפארן. שטיל. אן איבעריקן גערויש.

האט זיך דער ווארים שטילערהייט, אן איבעריקן גערויש, אין דער ווייט אוועקגעגליטשט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין ביידל באם באן-ווייזער האבן צווייען זיך געראנגלט.

גאר ניט לאנג האט דער געראנגל געדויערט.

די האנט פון יונגען איז געווען שטייף און זיכער. דער קורצער מעסער האט גיך דאס ווערימדיקע האַרץ פון הויפּט געפונען און גענוג טיף עס דורכ-געלעכערט.

אין א רעגע ארום האט די זעלבע זיכערע האנט פלינק דעם ווייזער איבערגעדרייט. אין דער דריטער רעגע האט דער ניכטערער מאַרך די זעלבע האנט צום טעלעפאן-רערל געשטויסן, און קורץ און האַרט איז געווען דער באַפעל:

— דורכלאָזן דעם צוג אָן אָפּשטעל.

און די לינקע האַנט האָט איינצייטיק די דראָטן איבערגעשניטן.

קיינער האָט די הענט פון אַזאַ איינעם ניט געבענטשט. נאָר מיליאָנען אויפגעשטאַנענע קנעכט האָבן זייער האַס און מוט אָט אין די שפּיצן פינגער אָנגעזאמלט. איז צוג מיט 1500 שפּיזן אוועק אַהין, וואו עס איז נויטיק געווען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער הויפּט פון ליניע-קרייז האָט טעמפּ געטראַכט.

„ס'האָט א שאַיכעס דער זאַך, וואָס מע האָט אים נאָר וואָס אפּן קאָפּ אַרויפגעוואַרפן, מיט דעם, וואס דער צוג האט זיך פלוצלונג אַף רעכטס אוועק-געריסן מיט דער העכסטער שנעלקייט".

און אין א רעגע ארום איז פון ערגעץ אַרויסגעשוואומען דעם הייצערס פּאָנים און געשטעלט זיך אין זיין גאַנצער שטומקייט קעגן אים אין די גרינע רינגען, וואָס האָבן זיך געדרייט פאַר זיינע אויגן:

„יאָ. דעם הייצער האָט ער „בעהיימע" אָנגערופן דערפאַר, וואָס יענער האט צופיל קוילן אין אויוון אריינגעוואַרפן. דאס האט אויך א שאַיכעס צום זאַך אפּן קאָפּ".

נאר — וואס איז געשען?

מע האט אים אַלע קעשענעס אויסגעליידיקט און דעם זאַק פון קאָפּ אראָפּגענומען.

האט ער דערזען:

בא ביידע טירלעך פון לאקאמאטיוו זיינען צוויי מענטשלעך אין קורצע רעקלעך און וועלאסיפּעד-היטלעך געשטאַנען און געהיט אים און דעם הייצער. בא דער מאַשין איז א דריטער געשטאַנען און האט געהאַלטן זיין האַנט אַפן אייזערנעם הענטל. דאס הענטל איז געווען אַראָפּגערוקט ביזן לעצטן שטריך. די טאָרמאָזן זיינען געווען פונאַנדערגעלאָזן. דער ווייזער אַפן מאַנאָמעטר האט זיך גערוקט אַלץ נענטער צום רויטן שטריך, צו דער גרעסטער אָנגעשטרענגט-קייט.

דער צוג האט זיך געטראָגן מיט א וואַקסנדיקער שנעלקייט.

דאס טירל פון אויוון איז געווען אָפן. רויטער, העלישער פלאַם האט זיך דאָרט געוויקלט און געלעקט זיינע גאָלדענע און בלויע צונגען, וואס האָבן זיך איבער אים געטראָגן. דער הייצער האט זיך אָנגעבויגן, און זיין פּאָנים איז

מיטאמאל געווארן טונקל-בראנז מיט שווארצע פלעקן אין די טיפענישן, און אז ער האט זיך אויפגעהויבן, האבן די אויגן בא אים געפלאמט מיטן פייער פון קעסל, ווי צוויי קליינע בלוטיק-פארגייענדיקע זונען, און א שטיל שמייכע-לע האט ער געשלענגלט צווישן די ליפן, ווען ער האט זיך איבערגעווארפן, ווי אן אייגענער, מיט די ניי אנגעקומענע:

— ס'איז פונקט געגנוג קוילן אין אויוון פאראן.

— יא? גוט.

איז דעם הויפט עפעס איינגעפאלן. האט ער מיט א טראגישער מינע אויסגעשריען:

— מיר טראגן זיך אין טהאם. אף דער פינף=אונצוואנציקסטער ווי‏ארסט איז צעבראכן די בריק.

און האָט זיך צום הענטל אַ צי געטאָן.

האָט אים דער, וואָס איז בא דער מאַשין געשטאַנען, מיט דער לינקער האַנט לייכט אָפּגעשטויסן און זיך איבערגעקוקט מיט זיינע כאַווירים, און באם הייצער איז דאָס שמייכעלע פארשוואונדן, און אלע האָבן שווער געשוויגן, און אין פארלעגנהייט האָט דער הייצער נאכאמאָל צום אויוון זיך ארונטער-געבויגן און לאנג אהין אריינגעקוקט, און אלע האָבן געווארט און געשוויגן. און אז ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָבן אלע ניט ווילנדיק צו אים זיך אַ בויג געטאָן, ווי ער וואָלט דאָס געדאַרפט די אייצע געבן, וואָס צו טאָן, און אז ער האָט גאָרניט געזאָגט און איז ווידעראמאל צום אויוון צוגעפאלן, האָט דער, וואָס איז באַם מאַשין געשטאַנען, דאָס הענטל עטוואָס אויפגעהויבן, די טאר-מאזן עטוואָס צונויפגעפרעסט, אבער גלייך צוריק זיי פאנאַנדערגעלאזט און די הענטל ביזן לעצטן שטריך אראָפּגערוקט, און דער הייצער האָט זיך אויפגע-הויבן און מיט אַ צעקרימטן פּאָנים האָט ער אויסגעשריען:

— מיר גייען אף דער בריק ארויף!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער, וואָס איז באַם מאַשין געשטאַנען, האָט זיך מיט די אויגן אין מא-נאמעטער איינגעגעסן און געזען, ווי דער ווייזער איז אריבערן רויטן שטריך געקראכן.

דער צוג האָט זיך געטראגן מיט דער העכסטער, מעגלעכער פאר אים שנעלקייט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דעם ריטמישן געדויש פון צענדליקער פּאָר אייזערנע רעדער האָבן אויפ-געכאַפּט הונדערטער אייזערנע שטאבעס, וואָס זיינען געפלויגן ארויף, צום בלויען הימל צו, און געפאַלן אַראָפּ, אין שוואַרצן וואַסער אריין, צונויפגע-קניפּטע און צונויפגעפלאכטענע, מיט ניטן, ווי מיט פונקטן, פארפעסטיקטע איינע אין די צווייטע, אין שורעס צונויפגעשטעלטע און איבערן טייך, פון ברעג צו ברעג, אריבערגעוואָרפענע.

אייזן מיט אייזן זיינען אין שניי-פארדרייטער, בלויער נאַכט אַף אַ ווײלע זיך צונויפגעקומען און האָבן באַגריסט איינער דעם צווייטן אַף זייער קלינגענדיקער אייזערנער שפּראַך און אַף גיך אויסגעקושט די אייזערנע גלידער איינער באַם צווייטן דורך בלויען ווײַן פון ווינטער-נאַכט און צעזעגנט זיך און צעשיידט, און פון דער ווייטן שוין די לעצטע עכא-קלאַנגען פארשלונגען און איבער שנייאיקע פעלדער זיי צעלייגט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

פיר פּענימער האָבן מיט פרייד געלויכטן אין פלאַמענדיקן אפשיין פון צעפלאַקערטן אויוון, און איין פּאָנים האָט זיך פינסטער פארטראַכט.

דער, וואָס איז באַם מאַשין געשטאַנען, האָט פון פרייד דאָס הענטל נידעריקער געוואָלט אַראָפּרוקן. איז אבער ניט געווען וואוהין; פון אונטן האָט אַן אייזנדל פארהאַלטן און ס'איז ניט נויטיק געווען, דער צוג האָט זיך געטראָגן, ווי קויל פון ביקס.

האָט דער הייצער פלינק און פריילעך אַ פּאַר לאָפּעטעס קוילן אין אויוון אַריינגעשאַטן, ווי אַ פארליבטער צו זאָט אַף די פלאַמען זיך אָנגעקוקט, און פלוצלונג פון דאַרט זיך אָפּגעריסן, פלינק איינעם פון די מענטשלעך אין די קורצע רעקלעך פון טירל אָפּגעשטויסן און מיטן גאַנצן קויאַך פון זיין רעכטן פוס דעם הויפּט אין שוואַרצן לאָך פון אָפענעם טירל אַרויסגעשטויסן און, ווי אַ באַליידיקט קינד, זיך פונאַנדערגעוויינט:

— כאַוויירים...

און שפּעטער אַ ווײלע האָבן זיי זאַלבאָפערט פון איין טאַבאַקבייטל געראַכערט און דרייען האָבן געטרייסט דעם הייצער.

— ניט קיין גרויסער שאָדן.

5.

אין גראָען ליכט פון שטילן פרימאָרגן, אַף זויבערער ווייסקייט פון שניי האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גרויסער טונקעלער פלעק.

אנדערהאַלבן טויזנט מענטשן נאָר וואָס אָנגעקומענע און טויזנט מענטשן היגע האָבן זיך אויסגעמישט און אָנגעקוקט איינע די צווייטע און גיך דערקענט, און גיך מיט פרייד זיך צונויפגערעדט.

אַף אַ קאַסטן איז איינער געשטאַנען און האָט אַ רעדע געהאַלטן:

— מיר ווייסן, פארוואָס מיר גייען... ערד—פאַר די, וואָס האָרעווען... פאַבריקן אויך אונזערע... אזוי, כאַוויירים? מיר ווייסן, פאַרוואָס מיר גייען...

איז אַרויס איינער פון די אָנגעקומענע און האָט געזאָגט:

— איך בעט אַ וואָרט.

האָט ער עס גלייך באַקומען און געזאָגט:

— כאַווײרים! איר פֿאַרשטײט? מיר װײסן, פֿאַרװאָס מיר גײען. ערד פֿאַר די, װאָס האָרעװען. כאַװײרים! װען האָבן מיר געװאָוסט, פֿאַרװאָס מיר גײען? הײנט װײסן מיר. מער קאָן איך גאָר ניט זאָגן.

האָט שוין אין אַ מינוט אַרום די גאַנצע מאַסע אָפּגעשטימט:

— מיר, אַזעלכע און אַזעלכע, דערקלערן: ביז איצט האָבן מיר ניט געװאָוסט, פֿאַרװאָס מיר גײען. און הײנט װײסן מיר...

אַזוי האָט מען אָפּגעשטימט.

און שטיל, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זײנען געשטאַנען אָפּגעזונדערט די מיט די גאָלדענע עפּאָלעטן אױף די אַקסלען און רעכט האָט זײ אָפּגעהיט די װאַך.

און אַ באַזונדער רעדל האָט דער הײצער צונױפֿגעקליבן. ער האָט אַלץ געזען. אױף זײנע אױגן איז דאָס אַלץ געשען הײנטיקע נאַכט. ער האָט דאָס דעם רויטן שטיקל טוך אױסגעזוכט און פֿון פֿאַרנט, אָפּן לאָקאָמאָטיװ, אַנגעהאַנגען און אַז מע איז אים באַפֿאַלן און געפֿרעגט, װער זײנען דאָס, אָט די כעװרע אין די װעלאָסיפּעד־היטעלעך און װי אַזױ האָבן זײ דאָס געקאָנט אָפּטאָן אַזױ געשיקט, האָט ער אונטערגעװאָונקען און גאַיװעדיק־פֿאַרטרױליך דערציילט:

— װיכטיקע קאָמיסאַרן.

און אַלע האָבן נאָכגעטראַכט אַ װײלע און באַשטימט.

— אַ פֿלינק פֿאָלק זײנען זײ, די װיכטיקע קאָמיסאַרן...

6.

צװײ טױזנט פֿינפֿהונדערט מאַן האָבן זיך אין גלײכע רײען אױסגעשטעלט און זײנען אונטער מוזיק אַװעק אױף די מיט די װײסע הינטנס.

ליכט

א אינגל מיט פארצויגענע אויגן דערציילט:

ס׳איז געשען אזוי אומדערווארט און גיך, אז ער האט ניט באוויזן זיך אומצודרייען און א קוק טאן, וואס מע טוט מיט אים, ווי ס׳איז שוין געווען נאך אלעמען.

ס׳איז ניט געווען קיין איין עקעלע, אן וועלכן ער זאל זיך קאָנען אנ־כאפן, נאכקוקן און זען, פון וואנען קומט דאס אים.

און ס׳איז גארניט געשען... ניט מער...

אין א טאג, וואס האט זיך איינגעשניטן אין זיקארן, ווי א שארפער נאגל, אין א טאג א סוינע, ווען אף נאקעטע געסלעך פון שטעטל זיינען, ווי געשאכטענע קעלבלעך, מענטשן פארשניטענע געלעגן און געווייקט זיך אין אייגענעם בלוט, אין אזא טאג האט זיינע אויגן א לעדערנע שלאנג א שניטן־קוש געטאן און א העלישן ליכט דארט אנגעצונדן און דעם ביסל פאספאר דארט פארברענט... און בא אים אין האנט איז א שטיקל לעדערנער רימע געבליבן. ניט מער.

זיינען אוועק נאך יענעם טאג טעגעלעך קליינינקע און ארעמע, וואס ווייטער אלץ נישטיקער, וואס שפעטער אלץ גראער און גראער, ביז ס׳איז דער לעצטער טראפן גראקייט פארשוואונדן.

איז אראפ א שטילע, אומעטיקע טויב — א שווארצע נאכט — און באם פופצן־יאריקן אינגל אין הארץ זיך באזעצט און אלץ ארום אין שווארצן פארב אויסגעשמירט, און דערנאך, שטילערהייט אלץ בא אים צוגעגאנוועט און ערגעץ וואו אוועקגעשלעפט און פארבאהאלטן, און א פוסטע שווארצע וועלט פארן אינגל איבערגעלאזט.

איז אים שווער געווען אין אט אזא ליידיקער וועלט.

פלעגט ער באטאפן די ווענט פון שטיבל, וואו ער האט געוואוינט, און אויסזוכן זיך א באהאלטענעם ווינקל און זיך צונויפדרייען אין א קנייל כל דארטן, דערלאנגען דעם שטיקל רימען, וואס האט אים דעם ליכטיקן שניטן־קוש איבער די אויגן געגעבן, און ווידער אף א מינוט האבן קעגן זיך יענע רייסנדיקע שיין...

פון אנדערע טרייסטן האט ער ניט עוואוסט און דאס, וואס ער האט פון פריער געהאט, האט מען אויך בא אים צוגענומען, אפילו דעם נאמען זיי־נעם האט מען איבערגעביטן. פון היינט אן האט ער געהייסן „דאָס בלינדע אינגל" און גאר...

און דערפאר איז אים אזוי טייער געווען דער ליכטיקער פּאס פּאר די פארצויגענע אויגן. און דערפאר פלעגט ער אין ווינקל אין שטילע מינוטן דעם רימען באטאפּן און אויסגלעטן און אויסקושן אט דעם זעלבן רימען, וואס האט אים דאס ליכט פון די אויגן צוגענומען און איין העלישן שנירל נאר איבער־געלאזט, וואס ווערט יעדער רעגע גרא און גראער, ביז שווארץ...

און א בלינדער אינגל דערציילט, ווי אין דער שטיל האבן צוויי פאר־אומערטע נעפאשעס וועגן זיין גורל זיך בעראטן:

— ער איז אינגאנצן בלינד און וועט צו גארניט שוין ניט טויגן.

— ניטא די אייגענע וואס צו געבן אין מויל אריין.

און ס'איז עפּעס באַשלאָסן געוואָרן.

און ער איז געלעגן אין ווינקל און צום טויזנטסטן מאָל געפרייט זיך מיט זיין פּיצל ליכטיקן פּאַס און האָט פאַרהערט, וואָס ס'איז וועגן אים באַ־שלאָסן געוואָרן. און אַז איינער פון זיי האָט זיך געשאַרט צו אים, געוואָלט וויסן, צי ער שלאָפט עס־טאַקע אַף דערעמעסן און צי האָט ער ניט געהערט, וואָס מען האָט דאָ באַשלאָסן וועגן אים, האָט ער פלינק, אָן א גערויש, דעם רימען באַהאַלטן און א טיפן כראָפּע געטאָן.

יאָ.

גוט.

זאָל מען טאָן מיט אים, וואָס מע וויל, נאָר דעם רימען וועט ער ניט אַוועקגעבן. אַזאַ קישעף ליגט שוין אין אים, אין רימען: נעמט ער אים אין האנט און גיט אים נאָר א גלעט, און טוט אים נאָר א טאַפּ, קומט אים גלייך ייף פאַר די פאַרצויגענע אויגן דער פּאַס העלישער ליכט און ער זעט ווידער די רייטער, די געשאָכטענע מענטשן אַף די געסלעך מיט די געלע פּענימער און שוואַרצע אויגן־עפּל אַרויסגעשפּרונגענע פון די לעכער — אַך, אזוי מאָדנע זעען זיי אויס, אָט די מענטשלעכע אַרויסגעשפּרונגענע פון קאָפּ אויגן, ווי קאַר־טאָפּלעס צעפּוילטע — און פּאָנעם, פּאָנעם רויטע, — ניין, קיין פּאָנעם איז גאָר ניט געווען דאַמאָלסט, און דאָס באַווייזט שוין דער רימען אַליין, אז דער ליכט־פּאָס וואַקסט ון כאַפּט אריין אַלץ אין זיך אַף א ווילע — א גאַנצער יאָם רויטע פּאָנעם וויגט זיך איבער קעפּ און ס'איז אזוי גוט צו זען אין דער ליכ־טיק דאָס אַלץ, אַז ס'ווילט זיך שרייען און אַלעמען דערציילן, וואָס פּאַר א גרויסע ליכט עס גייט אַף דער וועלט, אָבער אין א רעגע ארום ווערט שוּ אַלץ גראָ און גראָער ביז שוואַרץ, און כוישעך איז קלעפּיק און לאַנג, ווי יאָר אי טפּיסע...

ניין. דעם רימען וועט ער ניט אַוועקגעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און בלינדער אינגל רוימט אַפּן אויער:

ער האָט געוואוסט, אַז אָט דער אײַנגעבויגענער איד, וואָס האָט אים שוסטעריי געלערנט, איידער „יענץ" איז פאָרגעקומען, אָט דער איד, מיט דער סמאָלע-באָרד, מיט א דלאָניע פון א ריב-אײַיזן, נאַרט אים. ער האָט עס נאָך נעכטן געוואוסט, ווען יענער האָט אים בעסאָד אײַנגערוימט:

— מיר פאָרן מאָרגן אין שטאָט. אָבער זאָג קיינעם ניט אויס.

ער האָט דאַן שטיל, אין זיך געשמייכלט און אונטערן לייבל דעם רימען געטאַפּט...

גוט. דער רימען לייכט אַזוי ווי פריער... האָט ער מיט זיך אָפּגעמאַכט אין דער שטיל:

— זאָל זיין אין שטאָט...

און הויך האָט ער געענטפערט:

— גוט. כ'וועל קיינעם ניט אויסזאָגן.

און א גאַנצע נאַכט איז ער אָפּגעלעגן מיטן רימען און האָט קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

יאָ, קיין אויג ניט צוגעמאַכט. אויגן זיינען געווען פאַרצויגן, אָבער דער רימען האָט געלויכטן...

אַך, איז דאָס געווען אַ ליכטיקע נאַכט!...

וואָס ווייסען דען זעענדיקע פון אַ בלינדנס נאַכט, ווען פאַרבן זיינען נאָך פון זיקאָרן ניט פאַרווישט געוואָרן, ווען שטילע האַרץ גלויבט אין וואונדער פון אײַנציקע, אָפּגעריסענע ליכט-שאָטנס, אַז זיי וועלן זיך אַמאָל צונויפקניפּן און אויסשפּינען אַ גרויסן, ליכטיקן טאָג?

ער האָט נאָך נעכטן געוואוסט, אַז מען נאַרט אים, און ווי זאָל ער דאָס ניט פארשטיין איצט, ווען דער איד האָט אַזוי פאכדאנעסדיק און מיט אַזאַ אנגעבראָכן געמיט, אין מיטן שטאָט, ערגעץ אף אן עק גאַס, אים איבערגעלאָזן און א זאָג געטאָן:

— נא, האַלט צו דעם ברויט... איך לויף אונטער אין אן אָרט און קום גלייך צוריק, ווארט אף מיר...

האָט ער ווידעראמאָל אין זיך א שמייכל געטאָן און ווידער דעם רימען א טאַפּ געטאָן...

יאָ. ער לייכט...

האָט ער דעם ברויט באַ אים צוגענומען און געענטפערט געוויינלעך:

— גוט. איך ווארט.

און עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן אינעווייניק...

ווי מיט אַ ריב-אייזן איבערן האַרץ, אזוי איז דעם אידנס גלעט איבער זיין דלאניע געווען...

און בלינדער אינגל האָט געהערט, ווי אידנס טריט האבן זיך דערוויי-טערט...

איבעריקנס—ווער ווייסט? מיט פארשיידענע קלאנגען זיינען אנגעשטאפּט שטאטישע גאַסן, און אלע זיינען זיי אויסגעמישט אין איין קעסל, און ווי קאָן אַ בלינדער אינגל וויסן, ווען מענס טריט ס׳דערווייטערן זיך און ווען מענס ס׳דער-נענטערן זיך?

האָט ער שטיל נאכגעטראכט, ווי א איד זאָגט זיך עס:

— ווארט אַף מיר...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס האָט אַ בלינדער געטאָן אן אוועקגעווארפענער אין מיטן גאַס?

ער האָט לאַנג ניט געווארט. ער האָט געוואוסט: דער איד וועט קיינ-מאָל ניט צוריקקומען. דער גלעט מיטן ריב-אייזן-דלאניע איז געוועזן דער לעצ-טער... א דורכגייער האָט זיך הארט לעבן אים אפּגעשטעלט און אַ פּאַפּירל אפן ברויט אנידערגעלייגט. ער האָט גוט פארנאנדערגעטאַפּט דעם פּאַפּירל און האָט דערפילט און זיך פאַרוואונדערט:

— געלט?

יאָ, מ׳האָט אים געגעבן אַ נעדאָווע...

האָט זיך נאָכאמאָל עפּעס אפּגעריסן באַ אים...

נערוועז און בייז האָט ער געטאַפּט דעם רימען. אין די פאַרצויגענע אויגן איז אויפגעשוואומען די געוויינלעכע בילד. רויטע פאָנען האבן איינע אין די אנדערע זיך געוויקלט און געפלאַטערט איבער מענטשלעכע קעפּ...

אַך, ס׳ארא שווערער שטיין ס׳האָט די ברוסט געדריקט.

אליין, אליין איז ער דא אין פרעמדער שטאָט, בלינדער בעטלער...

האָט ער געמאַכט א פּאָר טריט פאָרויס און איז גלייך צוריק אוועק און אַף עמיצן זיך אנגעשטויסן און געבעטן זיך:

וואו איז דא די שטוב, וואו די רויטע פאָנען ליגן?

און אַסאַך דורכגייער האָט ער פאַרהאַלטן, און לאנג האָט עס געדויערט, ביז ער האָט זיך באַ איינעם דערבעטן און יענער האָט אים אוועקגעפירט אין שטוב, וואו די רויטע פאָנען ליגן...

און אין שטוב, וואו די רויטע פאָנען ליגן...

אלע פארנאַכט צינדט זיך אָן אַף אַ גאַס, איבער אַ טיר, אַ העל עלעק-טריש לעמפּעלע און באַלייכט אַ רויט-געפארבטע שילד:

„קלוב פאַר יוגנט אַף דעם נאָמען פון כאַווער . . .״

אין מיטן—אַ רויטער שטערן מיט פינף שאַרפע שפּיצן.

אין הינטערשטאָט, אַף ברעג טייך איז פאַראַן אַ גרויסע געביידע אַזאַ. מיט הויכע, ליכטיקע פענסטער, מיט אייביקן אומרו און גערויש אינעווייניק. פארשמירטע אַרבעטער מיט סיגאַרעטלעך אין די מיילער שמייען אַרום די

מאַשינעס ארום און קאַמאַנדעווען מיט זיי, און היטן זיי אפּ, זיי זאָלן טאָן, וואָס מע הייסט זיי.

שיקט פאַנאַנדער די געביידע אַלע אָוונט, דורך דראָט פאַנאַנדערגעצווייגענע איבערן גאַנצן שטאָט, יעדן איינעם צו ביסלעך ליכט, ס׳זאָל זיי גרינגער זיין אין דער פינסטער, זיי זאָלן ניט דאַרפן בלינדערהייט די ווענט טאַפּן.

באַלייכט דאָס לעמפּעלע די רויטע שילד:

„קלוב פאַר יוגנט" און אַזוי ווייטער.

שוואַך און אָפּגעריבן זיינען מאַשינען-גלידער. אויסגעדאַרט און אויסגעהונגערט זיינען פאַרשמירטע אַרבעטער. זיבן יאָר ליגן טויזנט שטעט אין רויטן פיבער פאַרשמאַכטע. איז גענוג און גוט, אַז מע קאָן כאָטש אַריינגיינג באַלייכטן...

קומען אַלע פאַרנאַכט אין קלוב פאַר יוגנט געניטע קינדער, מיידלעך אין אינגלשע העמדלעך מיט שמאָלע פּאַסקעס איבערגעבונדן, מיט האַרטע אינגלשע פּענימער, מיט געקרויזטע, קורץ געשוירענע קעפּ, מיט סיגאַרעטלעך אין די מיילער. אינגלעך מיט שאַרפע בליקן אין די אויגן, מיט שווערע לעדערנע טאַשן אונטער די אָרעמס, מיט צו שווערן יאָך אויף יונגע פּלייצעס...

קומען זיי זיך אַלע פאַרנאַכט צונויף דאָ און ריידן אַנטשלאָסן, און מיינען אַלע איינס—שמידן איין פאַרלאַנג.

האָט אינגל, וואָס האָט געזוכט די שטוב, וואו די רויטע פּאָנען ליגן, שוין לאַנג זיין אַרבעט אָפּגעטאָן. אַלע לאָמפּן ברענען העל, קיין איינער רוקט ניט, אַלע צייטונגען ליגן גלייך, אַלע ביינק זיינען אין גוטן אָרדענונג אויסגעשטעלט. אַלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיט זעענדיקע הענט... ווערט אַזוי גראַם און וואַרים אין האַרץ, ווען אַ יונגער כאַווער רימט:

— אויסגעצייכנט, כאַווער.

און גראַמער נאָך און וואַרימער ווערט עס, ווען אַ כאַווער טראָגט אַ גלעזל טיי צו און רופט אַן אַ זייט אָפּ און פאַרפירט אַ שמועס, אַ לאַנגןברייטן שמועס וועגן דעם, ווי אַזוי און ווי גיך ס׳שיטן זיך צונויף אין אַמעריקע די גאָלדענע רענדלעך פון אַלע קליינע זעקעלעך אין גרויסן זאַק אַריין און אין צווייען רעכענען זיי—איינער אָפּן קאָפּ און אויף די פינגער און דער צווייטער אויפן פּאַפּיר,—וויפל צייט ס׳דאַרף געדויערן ביז אַלע רענדלעך וועלן זיך אין איין זאַק צונויפשיטן... און פון רענדלעך גייט מען אויף עפּעס אַנדערש אַריבער, ניט ווייניקער וויכטיקס פאַר אָטאָ די, וואָס קלייבן זיך צונויף אַלע אָוונט אין „קלוב פאַר יוגנט" אָדער „אין שטוב, וואו ס׳ליגן די רויטע פּאָנען..."

און ער ווייס שוין אַלץ, אָט דאָס בלינדע אינגל. אַלע ווענט דאָ האָט ער שוין גוט אויסגעטאַפּט, אַלע גאָבעלענען אויסגעלערנט מיט די פינגער זיינע, וואָס זעען, וואָס אַ טאָג אַלץ מער און מער... ער ווייס וועגן וואָס ס׳האָבן געטראַכט און גערעדט אָטאָ יענע, וואָס האָבן דאָ אין די הויכע צימערן אַמאָל געלעבט, און ער ווייס, וואָס זיי האָבן געטאָן דאָ, אָט צווישן די ווענט. אַלץ

איז דאָ אַף די גאבעלעגען פאַרשריבן און אַלץ האָט ער מיט זיינע ליכטיקע פינגער איבערגעלעזן און ער ווייס, נאָך וואָס ס׳קומען אהער אלע אָוונט אָט די אומרואיקע כאַוויירים זיינע און ער ווייס, וואָס ער האָט דאָ צוטאָן...

יאָ, ער ווייס. דעם רימען האָט ער שוין לאַנג פארוואָרפן. וואָס איז יע־נער ליכטיקער שנירעלע קעגן ליכט פון אטא די צימערן, וואו ער צינדט אַלע פארנאכטן די לאָמפּן אן, קעגן ליכט, נאָך וועלכן זיינע כאַוויירים האָבן זיך אוועקגעלאָזט אזוי פאַרשייט און איינגעשפּארט?

און שפּעט, שפּעט יעדן אָוונט, ווען צימערן ווערן ליידיק, לעשט ער אויס אַלע לאָמפּן און שליסט צו די טיר און גייט זיך אין זיין באַזונדער צי־מערל אוועק און ליגט נאָך אַ שטיק צייט ניט אויסגעטאָן און טראַכט איבער טויזנטער מאכשאָוועס, און זעט איבער טויזנטער בילדער, און אַלע זיינען זיי צו איין פונקט געווענדט, און אלע זיינען זיי אן איין פינטל אנגעהאנגען, אן כאָלעם פון גרויסן ליכט, נאָך וועלכן ס׳זיינען אוועק אָט די איינגעשפּאַרטע אינגלעך מיט מיידלעך, זיינע כאַוויירים... און טיף אין האַרצן רייפט זיכערע רו:

— זאָלן זיי נאָר די גרויסע ליכט ברענגען...

ס׳וועט שוין קלעקן דאַן אויך פאַר אים...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויסגערונענע אויגן האָבן לעצטע טראָפּנס ליכט אפּן געזיכט פון אַ בלינדן אינגל ארויסגעטריפט און מיט לויטערן שיין אים באלויכטן.

— געוויס, געוויס וועט ליכט אים ניט פאַרמיידן...

אזוי האָט אַ אינגל מיט פאַרצויגענע אויגן דערציילט.

## א י נ ה אַ ל ט

---

### וו ע ל ט-ב ר אָ ד

רעגעס :: פיגורן :: ליד פון
גרוב :: איוואַנגאָראָד :: רינגען

### ט אָ ג-ג ע ב ו ר ט

באַקעט :: קינדער-טאַיבע :: דער
וויקואַך :: קאָמיסאַרן :: ליכט

---

### ה י ל ע—י. ט ש יי ק אָ וו